לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים

דעם גאנצן כלל ישראל בכל מקום שהם, ומדינת ישראל שלום וברכה וכל טוב, על יסודות הנביאים. — שנת „בבנין ירושלים" תש"י.

2, סידנעי סקוועער, ווייטשעפל. **הרב יהושע שפעטמאַן**

---

מיר ווינטשן אלע אונדזערע קרובים דא און אויף יענער זייט ים, אלע אונזערע פריינט אויף דער גאנצער וועלט און די חברים פון „פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ כתיבה וחתימה טובה.

מארקס כהן און פרוי, 52 נייטלאנד רד׳ לאנדאן א.5.

---

פריינט פרץ אקערמאן ווינטשט אלע פריינט און חברים פון „פריינט פון יידיש לשון" און דער רעדאקציע פון „לשון און לעבן" א גוט און געזונט יאָר און ווייטערדיק דערפאָלג אין זייער וויכטיקער ארבעט.

---

מר׳ ל. גארדאן און פרוי איידע ווינטשן די שוועסטער און שוואגער אין דרום אפריקע און אלע קרובים און פריינט אין לאנדאן — אַ כתיבה וחתימה טובה

60, Clinton Road, Mile End, London, E.3

---

**נחום שטענצל** און פרוי און טעכטערל און **א. נ. שטענצל** ווינטשן זייערע משפחות און פריינט אומעטום אַ גוט יאָר און אַלדעס גוטס.

---

צו אלע פריינט און באקאנטע, צו די מיטגלידער פון „לשון און לעבן" און צו די חברים און פריינט פון לידזער קולטור צענטער אַ שנת חיים ושלום.

י. טיילאר און פאמיליע.

26, Grange Crescent, Leeds 7.

---

אַ שנת חיים ושלום ווינטשן מיר אלע פריינט און באקאנטע, די חברים פועלי ציון און כלל ישראל. מיר האפן, אז אין דעם קומענדען יאָר זאל מקוים ווערן גאולת ישראל.

נייטען לעווינסאן און פרוי.

6, St. Mary's Road, Leeds 7.

---

די נאַראָד־פרעס, ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער און שוועסטערס שוואָגערס און פלימעניקעס אין ארץ ישראל, זייערע קרובים און פריינט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זייערע אָנגעשטעלטע און קליענטן.

בר כוכבא און כרמל נאַראָדיצקי

---

עמנואל געלער, פאַרוואַלטער פון נאַראָד־פרעס, ווינטשט אַ כתיבה וחתימה טובה זיינע קרובים און פריינט און די מלוכה אין ישראל.

---

די האַנט־זעצערס פון נאַראָד־פרעס ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה אלע לעזער פון „לשון און לעבן".

---

*Editor* A. N. Stencl, 50, Philpot Street, London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 117) **צענטער יארגאנג** אָקטאָבער 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

די וועלטלעכע קולטור און דאָס יידישע שאַפן (איניקע דעפיניציעס על רגל אחת לכבוד שמחת־תורה) .................. ** 1
דער בערדיטשעווער אין לעמבערג אויף יום־כפור און ווי ער דערכאַפט זיך ס׳האַרץ מיט דער מסכתא סוכה ...... יחזקאל נח ערלעכמאַן 6
אין די טעג פון סכות, הושענא רבה־ און שמחת־תורה לידער..................א. נ. שטענצל 12
אַ היים (דערציילונג)..................נ. שוחם 16
דעם שור־הבר׳ס ליד (סאַטיריש)..................משה עובד 20
דער שור־הבר (סקולפטור)..................משה עובד 21
אַ ייד אין וועגעדיק (עסיי)..................לעאָ קעניג 23
מיין וואָרט, איך בין אַזוי שטיל (לידער)..................י. ה. לעווי 27
דער אָדלער (ליד) .................. גאָלעגישטשעוו־קוטוזאָוו 28
רעאַליסטישע ליטעראַטור (רעצענזיע)..................א. מ. פוקס 29
נ. שמנ׳ס צושטייער פון דער סעריע פאַרשוואונדענע יידישע פערזענלעכקייטן (רעצענזיע)..................הערש שישלער 31
הבל הבלים פון אַ היינטצייטיקן קוהלת (רעצענזיע)....זכריה הערשמאַן 33
די סאָציאַליסטישע קבוצות אין ארץ ישראל (חתחתים בדרך לד. מאלץ, סיפורים מחיי הקבוצה)..................שלמה אויערבאך 35
די פרייד פון יצירה..................ש. ערנסט 41
די טראַגישע לעבנס־געשיכטע פון דער באַרימטער דיכטערין אלישבע..................אפרים טויבענהויז 43
אויף די חורבות פון יידיש־לעבן אין נידערזאַקסן..................חרותי 46
רעדאַקציע ־ נאָטיץ .................. 48
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.................. 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאָנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאנד:—5 דאָלאר א יאָר

**1/9 פאר א פראָבע נומער**

## א גאר וויכטיקע מיטטיילונג

מיר טיילן מיט אַלע אונזערע פריינט, מיטאַרבייטער און אונזערע אַבאַנענטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד אַז פון היינט אָן און ווייטער, זאָלן זיי אין אַלע ענינים זיך פאַרשטענדיקן מיט אונזער נייעם האָנ. סעקרעטאַר נ. רובין.

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

מיר דריקן נאָכאַמאָל איבער דעם אויפרוף צו אונזערע לייענער און אַבאָנענטן, און אין דעם חודש איז ער נאָך דרינגנדיקער, ווייל מיר געפינען זיך ממש אין אַ קריטישער לאגע.

כדי ווייטער צו קענען אָנהאַלטן דעם געהעריקן סטאַנדאַרד בעטן מיר אונדזערע אַבאָנענטן אָן אויפפאָדערונג און מאָנונג צוצושיקן תיכף ומיד דעם סכום, וואָס זיי זיינען שולדיק, און ווער ס׳איז בכח פאַר אַ יאָר אין פאָראויס.

מיר בעטן די אַבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן” צו פילן אַ חוב צו שאַפן פרישע לייענער און אַבאָנענטן פאַר אונזער פעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן די אויפלאַגע און אַזוי אַרום אויך פאַרשפרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטסלעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אַנאָנסן. אויך דאס קען זיין אַ בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַראינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן”. העלפן פאַרשפרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ׳שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאָנבריוו, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאָראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אַבאָנענטן, אַז אונזער זשורנאַל זאָל ווערן נאָך בעסער, רייכער אין אינהאַלט, אדער מיר וועלן זיין געצוווּנגען אים אַרויסצוגעבן אין אַ דינערן פאָרמאַט.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגנדיקן נייעם אַדרעס:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 117) צענטער יארגאנג אָקטאָבער 1949 לאָנדאָן

## די וועלטלעכע קולטור און דאס יידישע שאפן

(אייניקע דעפעניציעס על רגל אחת, לכבוד שמחת־תורה)

I

יעדע זאך שטראַלט אויס, שאפט אַרום זיך אַן אַטמאָספערע; יעדע בריאה רינגלט אַרום אַן אַנדערע שטימונג: מיר ברויכן נאָר צוקומען צווישן פעלדזן און בערג, אין געדיכטן וואַלד אריין צווישן גרינע ביימער, זען פליען פייגל אין דער הויך און הערן זייער געזאַנג; אַ קעצל אין א שטוב גיט אַן אנדערן כאַראַקטער דעם גאַנצן חדר; דאָס מינטסטע שטיקל מתכת, יעדער מינעראל טראָפּן האט אן אנדער געפיל אין זיך, גיט אַן אנדערן אויסדרוק פון זיך.

און די אויסשטראַלונג פונם מענטש, זיין אויסדרוק פון זיך און זיין געפיל אין זיך, זיין געשאַפענע אַטמאָספערע אַרום זיך, איז די מענטשלעכע קולטור.

און נאָך מער, מיר מענטשן האַלטן זיי פעסט די אויסשטראַלונגען פון אונז, די דאָזיקע אַטמאָספערע אַרום; מען איז מוסר פון דור צו דור מיט אונזערע געגעבענע און דערוואָרבענע מיטלען גייסטיקע און עסטעטישע שפּירונגען און געפיל־שטימונגען, פונקט ווי מיר מאַכן ירשענען און מאַכן אַרבן מאַטעריעלע און פיזישע דערפאַרונגען. ציוויליזאַציע איז פעסטהאַלטן דערפאַרונגען; און קולטור — דאָס אַטמאָספערישע.

קולטור איז די געשאַפענע שטימונג אין אונז, דער אַטמאָספערישער רוים איבער אונז און די כסדר זיך ענדערנדיקע און באַוועגלעכע מיליע וואָס רינגעלט אונז אַרום — דער עטיש־עסטעטישער געביי! אונטער אַ שוועבנדיקן קופּאָל, אויף אַלץ העכער זיך הויבנדיקע זיילן ביז אין די וואָלקענעס אַריין.

און דער געניסערישער מענטש, וואָס לענגער צוציען זיין המשך, ווערט ער אַ דערציילט מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט, וואָס אינטרעגירטער וואָס אָנציענדיקער. און דער דערפאַרענער מדבר איינגעשלאָסן אין זיינע שפּיגלדיקע און געשטילטע הועיות זוכט דעם אויסוועג פון זיין פיקציע־לאַבירינט. אבער וואָס וועט ער געפינען פון יענער זייט פון זיין שפיגלדיקער שפילנדיקער אויסשטראַלונג?

אפילו די דערפאַרונג האט ער אויך שוין דער וועלטלעך ציוויליזירטער קולטור־מענטש! דערפאַר איז ער אַזוי אכזריותדיק קאַלט אפילו אין זיין באַצוווּנגענע און פעסטגעהאַלטענע עסטעטישע שאַפונגען. אָבער וויפיל איינגעהאַלטענעם טאַקט, וויפיל באַצוווּנגענער דיסציפּלין און וויפיל ירושהדיקער חוש איז נויטיק זיך נישט אַרויסצורייסן, — ווי פון אַ דזשאַנגל! פון דעם שפיגלדיקן פיקציע לאַבירינט — — — מיט געמאָסטענעם ריטמישן שריט

מיט שטאָלצן געשטרעקטן קאָפּ גייט אוראנג־אוטאנג אַנטקייגן דעם גאָט־געבוירענעם, אזוי קומט ער זיך פאר, אַזוי זעט ער זיך און זיין שפּיגלדיקן פערספּעקטיוו — אין זיין שאפנדיקע פיקציע, אין זיין פאַנטאַסטישן המשך.

אַנדערש, אפנים, מיר יידן — דער עם „קשי עורף", דער „עז כנמר", דער „עם חכם ונבון", וואָס מיט זיין דינאַמישקייט און וויטאַליטעט וואַקסט ער איבער יעדעס געדאנקלעכע און יעדעס געפיל. — האָבן מיר געמוזט על רגל אחת זיך אויפבויען אזא געביי אין וועלכן מיר זאל קענען לעבן. פון דער אויסשטראַלנדיקער פלינק פאַרשוועכנדיקער אַטמאָספערע פון שנעל־פליענדיקע שטימונגען אַרום אונז, פון דער אייליק־באוועגלעכער מיליע אויסבויען אונזער זיכערן אוהל תורה.

אַן „עמא פזיזא", אַ „רץ כצבי", אַז ער גייט אין וועג און איז מפסיק אין מיטן לערנען איז ער אַ „מתחייב בנפשו" — צו שנעל לויפן מיר, אז שפּיגלדיקער פערספּעקטיוו זאָל זיך קענען שאַפן בשעת אונזער צו אייליקן גאנג. אונזער פיקציע איז אַ הימלישע פאטא־מארגאנאַ! אונטערן יאָך פון מצוות באַרואיקט זיך אונזער טראט, באַקומען מיר דעם „רגל ישרה", דעם גלייכן ריטמישן שריט — דעם יידישן גאנג אין לעבן.

תורה איז „וחי בהם"! יעדער זאַך איז לעבנס געזעץ. די מעשיות פון חומש זיינען נישט קיין פיקציעס, זיי זיינען מצות עשה און מצות לא תעשה: ביי יעקב אבינו האט זיך פארקלעמט אַ פוס אינמיטן זיין געראנגל, דעראיבער עסן מיר ניט קיין גיד הנשה א.א.וו. אויף אַ קוצו של יוד וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה, וועט זיך אַ ייד מוסר נפש זיין.

תורה איז געשריבענער און פעסטגעהאלטענער לעבנס־רוים! עס איז די אויסשטראלנדיקע אטמאספערע פון אַ פאלק אין וועלכן עס לעבט. תורה איז נישט אַן אויסשטראַלנדיקע גלאַריע שיין, וואָס שוועבט איבער די זאכן, עס איז נישט קיין הייליקן־שיין — סע איז דאס ליכט אין זיך, דער המאור שבך; דער נר תמיד אינם פלינק אויפגעשטעלטן געצעלט, אומעטום, ווו ס׳פאלק געפינט זיך.

פונם „תפארת שלמה" דערציילט מען, ווען ער איז געגאַנגען אין דער סוכה אריין, האט ער געזאגט: אין דער מצוות סוכה גייט דער ייד אריין מיט די שטיוול אין דער מצווה אריין.

אויב נאָך אונזער אַ ביסל שווערלעכע דעפיניציע פון תורה און וועלטלעכע קולטור, ס׳איז נאָך נויטיק צו ציען דעם אונטערשיד וואָס איז צווישן ביידע, וועט עס צום לייכסטן אילוסטרירט ווערן מיט אַ שמחת־תורהדיקן פאָלקלאר מעשהלע...

ביי הקפות זעט אַ רב, ווי עפּעס אַן עם הארץ, אַ שאלטיק טאנץ מיט גרויס התלהבות מיט דער תורה, פרעגט אים דער רב: בשלמא איך טאנץ מיט דער תורה, כ׳האב א גאנץ יאר אין איר געלערנט, כ׳האלט אירע מצוות, אבער וואָס איז די שמחה מיט דיר? ענטפערט יענער דעם רב: ווען נישט דאס תורהלע וואָלט איך געלעגן אין תפיסה. איך האב געשווירן, אז איך בין



נישט באגאנגען די גניבה און מען האט מיך באפרייט.

וועלטליכע קולטור, פיקציע ליטעראַטור, איז אָט־אָ יענע פאַלשע שבועה, וואָס באַפרייט דעם מענטש פון דער תפיסה־וועלט: דאָס פיקציע מעשה׳לע אַמוזירט אים אַביסל דעם לאַנגווייליקן אומעט; די פילאָזאָפישע אנשויאונג גיט אים אידעאַלאָגישע פעסטקייט אויף אַ ווייל; דער ריטמישער טאַקט, דער דיסציפּלינירטער באַרואיקטער גאַנג אינם קורצן מהלך — דעם הערלעכסטן פערספּעקטיוו פון פאַנטאַזטיש־ווונדערלעכן חיי־שעה!

תורה איז דער גלויבן אין זיך, אינם גלויבן וואָס מען טראָגט אין זיך — אינם אנוכי! תורה איז מסורהדיקער המשך פון דער אייביקייט; פונם גוטן און געטלעכן אין דער בריאה, איבער אלע מכשולים און שוועריקייטן קאן זיך ראטעווען דער מענטש — יש קונה עולמו בשעה אחת.

תורה איז נישט דער איין יאָריקער פרישער בליטן־האניק, אויסגעזויגן פון גיפטיקע בינען, וואָס ווערט פון אונז אויסגעשלאגן פונם וואַקס, געניסעריש אויפגעגעסן צו ווערן; תורה איז דאָס ברענענדיקע וועקסערנע ליכט, אַן אויסגעקנאָטנס צוזאַם מיט זיינע אויסגעטריקנטע האָניק־קעמערלעך, וואָס שטראלט אויס פון זיך, — ברענענדיק! די שמעקעדיקע האניק אטמאספערע — עס איז „מעז יצא מתוק"! מען זיצט אינם ליכט און אויף די ליפּן שפּירט מען די האָניק זיסקייט פונם זשומענדיקן בינען־פאָלק.

II

„יש חכמה בגוים תאמין"! אַז די אומות־העולם זייען שאפנדיקע קולטור פעלקער, אין דעם זיינען שוין אונזער חכמי תלמוד זיכער געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. צו מיר יידן, אבער, זיינען ביכולת צו לעבן ווי אַ וועלטלעך קולטור־פאלק, די פראגע שטייט נאך לעת עתה אין גרויס ספק. אמת, אין די לעצטע 150 יאָר נאך דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, האט דער יידישער מיטל־קלאס שטארק זיך באַטייליקט אין דער אייראפעאישער קולטור און קונסט. אויך אונזער שפראך איז געוואָרן אזוי פיין אויסגעארבעט אז זי איז געוואָרן עלאַסטיש־אוממיטלבאַר צו קענען אויפנעמען יעדע עסטעטיש־עטערישסטע אַטמאספערישע אויסשטראלונג, יעדן אינערלעך־פיינסטן שטימונג־אויסדרוק, אבער טראָץ דעם אלעם זיינען מיר געבליבן דאס אומקולטורסטע פאלק. יידישע קולטור איז געוואָרן אַ פיקציע פון יחידים!....

ס׳האָט זיך ליידער ארויסגעשטעלט, אַז אויך קולטור און קונסט איז פארן יידישן קליינבירגער נאר געווען נאך א מיטל צו קענען אנטלויפן פון אייגענעם פאלק — די משכילים זיינען געווען ערלעך גענוג, דאס אפן צו זאגן אפילו בנוגע אונזערע ביידע שפראכן, העברעאיש און אפילו יידיש... און עס איז געווען דער יידישער האָראָפאַשניק און פראָלעטאַריער, וואָס האָט געטראָגן אין זיין מאַרש פאָראויס, די יידישע קולטור און ליטעראַטור ווי אַ פלאַמיק־פלאטערדיקע פאן. און דער יידיש־שאַפנדיקער גלויביקער מענטש האט זיך געשטעלט מיט זיין גאנצן ברען און התלהבות אין זיינע ערשטע רייען.

און פאר די לעצטע 30 יאָר איז סאָוויעט רוסלאנד געוואָרן פארן וועלט־

לעכן יידיש־גלויביקן מענטש, דער קולטור עקספּערימענ̃ט: צו קען אונזער שבט דארטן, אונזער טייל יידן, וואָס ווינען אינם פּראלעטאריש לאַנד, דער צויגענע בלויז אויף וועלטלעכע קולטור, בלייבן אַן „עם לבדד ישכון״? צו קענען מיר, לעבנדיק ווי יידישע קולטור מענטשן, באהאלטן אונזער פּרצוף־פּנים? צי קאָן א פאלק לעבן מיט בלויסע „לא־תעשה״ס? מיט נישט טון....

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז אַ רעוורענדישע טשיף ראבייאישע צע־רעמאניע אין דער מאסקווער כאר־שול איז שטארקער ווי די גאנצע יעווסע־קישע קולטור־„אייניקייט״, און דער בלאַסירסטער צלם־אלוקים האט נאָך אַ שענער פּנים ווי דער נעגאַטיוו־געפּעלשטער קולטור־עמעס. . . .

דער איינגעזעענער אמת האָט זיכער קיין דירעקטן שייכות נישט צו סאָוויעט־רוסלאנד, פּונקט ווי מען קען אים נישט ארויפוואַרפן אויף דעם גרויסן אומגליק פונם מזרח־יידנטום, עס האט זיכער גיכער צו טון מיט אונזער קליינבירגערלעכן אַנטלויף־אינסטינקט—מיר זיינען ס׳אייביקע „עמא פזיזא״!... ווארים מיר דא אין אונזער מדינה, אויף אונז זיינען דאך נישט חל די צוויי אויבערשטע טעמים און ווי זעט דאָ אויס אונזער יידיש וועלטל? פיל גע־שטאפּט זיינען די 100 שולן, דער 10׳טער דור שוין געבוירן דאָ מורמלט לשון־קודשדיקע תפלות, — קולטורלאָז, געשמאַק־און טאַקטלאָז, אָבער ס׳הילכן די שולן! — און דער צווייטער דור פון אונזער פיל גערימטן, פּראָפּאַגאַנדיש־צעשריגענעם האָראָפּאַשניק און פּראלעטאַרישער אקטיוויסט, קאָן ניט צונויפ־שטעלן קיין איין וועלטלעכע שול פון 10 יינגלעך ווו מ׳לערנט אַ שייטל יידיש.

עס איז אַ ביטערע דערפארונג, אָבער מיר מוזן כאטש זיין ציוויליזירט גענוג צו קענען עס אויפנעמען ווי אַ דערפארונג: צו אזא שפל המדרגה קומט אַ פּאָלק, ווען עס איז נישט קיין קולטור פאלק, ווען קולטור רודערער קעמפן רק צווישן זיך וועגן די „ביצה שנולדה ביום טוב״, צי מען מעג זי אויפעסן...

עס איז זייער ביטער צו קומען צו אַזאַ פּועל יוצא! אָבער „בעסער דאָס ביטערע פון גאט, אוידער דאס זיסע פונם מענטש״ — — —

אמת, אַן „עמא פזיזא״ איז לייכט צו ווערן באַשלוס פעאיק: פאַרן פּאָלק פון „ימין ושמאל תפרוצי״ איז לייכט דאס אויסדרייען פון לינקס אויף רעכטס און אויך אומגעקערט... די דאָזיקע לייכטיקייט וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער חסרון, ווען נישט דאס קשי עורפּדיקע וואָס ליגט ווי דער חוט־השדרה איינגעשלאָסן אין אונזער רוקן.

דער דינאמישער נע־ונדניק, דער בלאנקענדיקער אדם־הקדמון, ארויס־רייסנדיק זיך פונם כאַאָס מיטן הויה־פארמול „היה־הוה־ויהיה״, מיטן עיקר־העיקרים אויף וועלכן קיין אומשטענדן און איינפלוסן קענען נישט חל זיין, איז זיין ווילדע הועיה־באַוועגלעכקייט געוואָרן אַ וויטאלע צענטריפוגאלע. מיט דעם קשי־עורפדיקן „יהרג ועל יעבור״־באגריף נעמט ער אויף דעם גאנצן פארעמלאזן ארום, געבנדיק אים דעם צלם־אלוקים.

און די גאנצע תורה־שבכתב און שבעל־פּה איז נאר א פּרוש צו דעם איז תוהו ובוהו אויפגעכאַפּטן פארמול „על רגל אחת״ — אַ „בכל לבבך ובכל



נפשך״ אויסטייטשונג, דאָס גאַנצע לייב און לעבן אַריינטייטשנדיק!

און דאָס יידישע פאלק לעבנדיק טאג טעגלעך די מצוות, לעבט עס אין דער אַטמאָספערע אין וועלכער דער הויה־פארמול איז געשאַפן געוואָרן, איז מענטשלעך עקסיסטענץ פעאיק געוואָרן. טוענדיק די שוין אומפארשטענד־לעכע חקים ומשפטים, אָטעמט עס דעם „היה־הוה־ויהיה״, האָט עס אין זיך זיין נצחיותדיקייט; שטייט עס תמיד פּנים אל פּנים מיטן געוויסן, וואָס איז אומפאַר־ענדלעך, וואָס קיין אומשטענדן און איינפלוסן זיינען נישט חל דערויף.

און נאך אין היינטיקן טאג אויפנעמענדיק אַ פארבלאנקעטן טאן פון יענע אור־מענער, אַרויסהערנדיק אַ וואָרט פון יענע ווערטער, מורמלט מען עס ווי אַ פארמול, צו גיין מיט זיי אין פייער אַריין. זיי זיינען ווי די שטיקער אַרויסגעריסענע „שווארצע דימאנטן״ — טויזנט יאָריקע פארשטיינערטע אור־וועלדער, וואָס טראגן אין זיך פארשטייניקט די וויטאלסטע כוחות און די לעבנדיקסטע ריחות; עס איז ווי דאָס ווילדע־האָניק־וואקס־ליכט, וואָס באַ־לייכטנדיק דאָס חדר פילט עס אָן מיט דעם זיסעסטן ריח, שפּירנדיק עס ווי אַלטן וויין אויף דער שפּיץ צונג, מיט פאַרשיכורטע שטימונגען ס׳האַרץ אָנ־געפילט!

אין די לעצטע 1000 יאר האבן מיר מיט יידיש־טייטש אריינגעטייטש און אויסגעטייטש דעם „היה־הוה־והיה״, אויפנעמענדיק די אייראפּעאישע אַט־מאָספערע, די לאַנדשאַפט אַרום און דאָס מיליע.

דער צוגאַנג פון רבנו גרשון מאיר הגולה, פון רש״י הקדוש, פון רבי יהודה החסיד איז שוין געווען אן, אייראפּעאישער! און פונם גערא נגל שפּי־נאָזע־מאַרקס־היינע מיטן רמ״א־גר״א־בעש״ט זיינען מיר ארויס געשטאַרקטע מיט דעם שכבתב און שבעל־פּה פון אונזער מאדערנער ליטעראטור און קולטור

און איז מענדעלע־פּרץ־שלום־עליכם נישט אייראָפּעאישע מדרשדיקער פּרוש פונם „היה הוה ויהיה״, אויסצוהאַלטן ביי אַלע אומשטענדן? איז אונזער מאָדערנע דיכטונג נישט אַ „בכל לבבך ובכל נפשך״, מיט גאַנצן לייב און לעבן צו זיין גרייט אויף קדוש השם?

אָ, דער לעצטער אומבאַדינגטער צוזאַמענשטויס פונם עמא פזיזא איז געווען געוואַלטיק, איז געווען איבער מענטשלעך, אבער מיר האבן בייגעקומען דעם ביטערן געראנגל, מיר האָבן דעם שטן מנצח געווען!

די אַקומילאַציע פון 1,000 יאָר איז געווען דער לעצטער קשי־עורפּדיקער קדוש־השם! נאך זיינען אונזערע הערצער פארשטיינערט, אבער איינגעשלאָסן אין זיי איז די טויזנט יאָריקע אַטמאָספערע; אַלע זיינע באַלעבנדיקע ריחות און דינאַמישע געוועשן—דער יידישער שעפערישער מענש, אומעטום, איז עומד בנסיון! אינם עיקר העיקרים האָט ער ניט געפּעלטשט: און ווי ס׳איז משה אמת ותורתו אמת איז אלץ ערלעך געשאפענע נצחדיק. און ווי די אייביקע מעשות פון חומש און די רייד פון אונזערע נביאים וועלן אין די קומענדיקע דורות אויפגיין די מעשיות פון אונזערע ערלעכע שאפער, זייערע וואָר־רייד און שטראָף־רייד און זייער האָפערדיקע טרייסט מיט נצחיותדיקע לייבהאַפטיקייט.

# יחזקאל נח ערליכמאַן

## דער באַרדיטשעווער אין לעמבערג אויף יום כיפור

### און ווי ער דערכאַפּט זיך ס׳האַרץ מיט דער מסכתא סוכה

נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ בער פון מעזריטש זצ״ל ווען די רדיפות פון די מתנגדים אויף חסידים האָבן אָנגענומען אַ געפערליכן כאַראַקטער, אין טייל שטעדט האָט מען זיי מחרים געווען, געשלאָגן, געהרגעט, און זיך אַפילו נישט אָבגעשטעלט פון מסרן זיי ביי די רעגירונג אַז זיי זענען מורדים במלכות.

דאַמאָלס האָבן די חסידים איינגעזען, אַז מען מוז עפּעס טוען געגען דעם. און דאָס ערשטע האָבן זיי בעשלאָסן אַרויס צו שיקן אייניקע פון די גרויסע רבנים־חסידים אין די ווייטע גרויסע יידישע שטעדט, אום באַקאַנט צו מאַכן די יידישע וועלט וואָס דאָס חסידות איז. און דער עיקר, אָן צו ווייזן אויף די אַלע שקרים, רכילות און לשון הרע וואָס די מתנגדים טראַכטן אויס אויף זיי.

איינער פון די רבנים איז געווען דער גרויסער צדיק און גאון, דער בערדיטשעווער זצ״ל, באַקאַנט אַלס דער מחבר פון ספר „קדושת לוי״, ער איז אַרום געפאָרן אין פאַרשיידענע שטעדט אין גאַליציע, און האָט געצילט צו קומען קיין לעמבערג, וואו דער שטאָדט רב איז געווען דער גרויסער באַוואוסטער גאון דער „ישועות יעקב״ ז״ל וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה ביי יידן, ער זאָל אים בייהילפיג זיין.

ער איז דאָרט אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיין משמש אין ערב יום כיפור, די שטאָדט איז פאַר זיי געווען פרעמד. זיי האָבן זיך קוים פאַרשאַפט אַ קליין שטיבל, זיי זאָלן זיך קאָנען דאָרט אויפהאַלטן דורך די צייט וואָס זיי וועלן זיין דאָרט, און אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, האָבן זיי זיך צוגעאיילט מיט די מקוה און מנחה. נאָך דער אָרימער סעודה המפסקת זענען זיי גלייך געגאַנגען אין די שטאָדט־שוהל. עס זענען נאָך נישט געווען דאָרט קיין סך מענטשן. דער שוהל־שמש האָט געהאַלטן אין מיטן אַרום צינדן די ליכט. זיי האָבן זיך אין אַ ווינקל ביי דער טיר אויסגעטון די שיך, און זיך אָנגעטון דעם קיטל און טלית.

אָבער באַלד איז דער משמש געוואָרן זער דערשראָקן דען ער האָט בעמערקט אַז דער רבי קומט אַריין אין הימלישע התלהבות, און ער האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט, אַז דאַמאָלס איז ער אין גאַנצן אויסגעטון פון די וועלט זאַכן. ער מאַכט משונהדיגע תנועות, ער קאָן נאָך אָנהויבן אַרום לויפן אָדער אַרום טאַנצן אין די שוהל, און דאָ איז אַ פרעמדע שטאָדט ווי זיי זענען נישט געוואוינט דערצו, און קאָנען נאָך ח״ו דענקען אַז ער איז אַ צודרייטער און אַרויס טרייבן פון שוהל, ער האָט אים שוין געוואָלט אַ ריר טון ביי די האַנד, ער זאָל זיך דערמאַנען ווו ער איז.

נאָר ביז וואָס ווען, האָט זיך דער רבי דערווייל פון אים זיך אַוועק געריקט, און איז זיך גלייך צו געגאַנגען צום עמוד ווי עס איז שוין געלעגן צוגעגרייט, דער מחזור פון יו״כ פאַרן חזן. ער מישט זיך אויף די תפילה זכה, און הויבט אָב צו זאָגן כדרכו בקודש.



דער שוהל שמש, ווי ער האָט דאָס דערזען פון דער ווייטענס, זאָגט ער מיט כעס, „וואָס אַ חוצפה דאָס איז פון אַ פרעמדן שנאָרער, אַנדערש נישט געוואוינט, נאָר צו שטיין ביים עמוד „ביי די מזרח וואַנט״ און גייט צום עמוד, און וויל אים זאָגן „ער זאָל מוחל זיין בכבוד גדול״ און זיך זעצן אויף די פרייע באַנק וואָס שטייט ביי די טיר.

נאָר ווי ער איז צו געקומען נענטער, און דערזען זיין הדרת פנים, און דערווייל געהערט די ערשטע ווערטער פון די תפילה זכה, איז ער געוואָרן אָבהענדיג, עס איז אים בעפאַלן אַ גרויסער פּחד, און האָט נישט געוואַגט צו צוגיין צו׳ אים.

דערווייל איז וואָס אַמאָל אָנגעקומען אַ גרעסערער עולם די גבאים מיט דעם פּרעזידענט זענען שוין אויך דאָ, דער חזן מיט די משוררים שטייט גרייט אָנצוהויבן די תפילות, נאָר דאָ שטייט עפּעס אַ פרעמדער ייד, און פאַרנעמט דעם עמוד, ווען עס וואָלט געווען אַ געוויינליכער טאָג וואָלט זיכער צו געגאַנגען איינער פון די מנהיגים, און אים געזאָגט „ר׳ ייד זייט מוחל״, אָבער יעצט יו״כ צו כל נדרי ווי יעדער ייד איז פאַרנומען מיט זיין חשבון הנפש גלוסט זיך נישט מבייש צו זיין אַ ייד.

די צייט שטייט אָבער נישט, עס ווערט שפּעט, דער עולם ווערט אום געדולדיג, מדאַרף שוין זאָגן כל נדרי, רופט דער פּרעזידענט דעם שוהל־שמש, ער זאָל הייסן דעם ייד אַוועק גיין פון עמוד. נאָר דער שוהל־שמש האָט זיך קאַטעגאָריש אָבגעזאָגט פון דעם שליחות, ער האָט געזאָגט, אַז ער זעט אַז עס איז נישט עפּעס אַ פּשוטער ייד. און וויל אים נישט מבייש זיין, נאָר — זאָגט דער שמש — דאָרט ביי דער טיר זיצט נאָך אַ ייד, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אים, דער וואָלט גיכער געקאָנט זיך מיט אים צוזאַמען רעדן.

גוט! — זאָגט דער פּרעזידענט — זאָל ער שוין אַהער קומען. דער ייד איז צו געגאַנגען מיט אַ באַהאַלטענע שרעק, אין דער פּרעזידענט זאָגט צו אים מיט אַ שטרענגן טאָן, איר קאָנט דאָך דעם ייד! וואָרום מען האָט אייך געזען צוזאַמען אַריין קומען מיט אים, און יעצט האָט ער זיך אַוועק געשטעלט ביים עמוד, און שטערט דאָס דאַוונען, גייט אַהין און זאָגט אים ער זאָל שוין אַוועק גיין פון עמוד. דער ייד (דעם רבינס משמש) האָט אָבער געזאָגט אַז עס איז אים זער נישט ניחא צו גיין מיט אַזאַ שליחות. און ער דענקט אַז עס וועט זיין בעסער מען זאָל אַרויס נעמען די ספרי תורות און מאַכן די הקפה פון „אור זרוע לצדיק״ וועט ער דאָך שוין אַליין זען אַז מען דאַרף אָנהייבן די תפילות, און וועט פאַרשטיין אַז עס איז שוין צייט ער זאָל אַוועק גיין פון עמוד.

דער פּרעזידענט האָט איינגעזען אַז דער ייד האָט רעכט, האָט ער געהייסן אַרויס נעמען די ספרי תורות, און זאָגן דעם אור זרוע לצדיק, און נאָכדעם ווי

מען האט צוריק געשטעלט די ספרי תורות אין ארון קודש, זענען שוין אלע געווען זיכער, אז יעצט וועט שוין דער יוד אוועק גיין.

דער יוד האט אבער יעצט גאר ארויסגעשריגן דעם באוווסטן „על דעת המקום" אבער אזוי שטארק, אז דער גאנצער עולם איז געבליבן געפלעפט אין דער רב, דער פרעזידענט מיט די גבאים זענען געוואָרן מיט געריסן, און נאך געזאגט מיט אים וואָרט ביי וואָרט, און באלד דער נאך דעם כל נדרי. דער פרעזידענט מיט די גבאים האבן שוין איינגעזען, אז יעצט איז שוין אלעס פארטיג, און ס'איז שוין גאר נישט קיין פראגע אז מען זאל אים הייסן אוועק גיין, דער עולם האט נישט געהאט וואָס צו באדויערן, זיי האבן זיך נאכן דאוונען אויסגעדריקט, אז זיי האבן נאך נישט געהערט אזא מתיקותדיגן דאַוונען מיט אַזאַ גרויסע התעוררות, ער האָט זיי פשוט אַריבערגעטראָגן אויף א העכערע וועלט.

נאכן דאוונען, מען האט געדענקט אז דער (יוד, איך וועל אים יעצט רופן) רבי, וועט זיך יעצט ווענדן צום עולם מיט אַ גוט יו"ט, און וועט אנעמען פון זיי די הארציגע יישר כח'ס ס'איז אבער נישט אזוי, דער רבי שטייט ווייטערביים עמוד און מען זעט גאר נישט קיין צייכן אז ער טראכט פון אוועק גיין, אדער זיך וועלן זעצן אין אב ריען זיך.

דער רב מיט דעם פרעזידענט האבן זיך איבער געשמועסט אז מען דארף דאך אזא יוד אויסצופרעגן ווער ער איז, אין אפשר איז נייטיג אים צו באזארגן מיט א מקום מנוחה פאר די צייט וואָס ער וויל דא פארבלייבן, און עס איז געבליבן אז דער רב זאל אים געבן „שלום עליכם" און ביי דער געלעגנהייט זאל ער אים אויספרעגן אלע נויטיקע איינצעלהייטן. נאר ווען דער רב איז צוגעגאנגען נענטער צו אים, האט ער זיך באלד צוריק געצויגן, און געזאגט, אז עס איז גלייכער דעם יוד צו לאזן צו רוה, און אים נישט מבלבל זיין, מען קאן זאגן אויף אים דעם פסוק וראו וכו' כי שם ד' נקרא עליך, און נאך יו"ט וועט מען אים שוין קאנען גיכער אויספרעגן.

דורך דער צייט וואס זיי האבן זיך דורך געשמועסט איז זיך דער רוב עולם אהיים געגאנגען און עס זענען נאר איבער געבליבן די פאר מנינים וואס זאגן דעם שיר היחוד, און באלד האט זיך דערהערט דאס קול פון רבין ווי ער האט אנגעהויבן דעם שיר היחוד, געלאסן אין מיט א קול נעימה, אז אפילו דער פרעזידענט אַ גרויסער גביר און אן עלטערער מענש, וואָס אין די לעצטע יארן האט ער שוין נישט געוואַרט אויף דעם שיר היחוד, האט ער זיך אבער, יעצט נישט געקאנט אוועק רייסן, און איז געבליבן אין שוהל ביז צו די ענד.

דער נאך איז שוין דער עולם געגאנגען אהיים, עס זענען נאר איבער געבליבן די געציילטע מענשן וואָס בלייבן איבער אין די שוהל די גאנצע נאכט און זענען עוסק אין עבודת הקודש, דער רבי איז זיך ווייטער געשטאנען ביים עמוד דורך די גאנצע נאכט.

צום ערשטן האט ער געלערנט גאנץ הויך די משניות פון מסכת יומא,



דער עולם האט זיך איינגעהערט צו זיין קלארן און גלאטיקן פארטייטשן, דער נאך האט ער אנגעהויבן צו זאגן תהלים אין דער עולם האט מיט געזאגט פסוק ביי פסוק ביז עס איז געוואָרן לערך אַ פערטיל שעה פאר טאג. אין דאן האט ער אראָב גענומען דעם טלית אים אנידער געלייגט אויף דעם עמוד און זיך גלייך געגאנגען צו די באנק וואָס שטייט ביי די טיר און זיך געלייגט שלאפן ביז עס האט אנגעהויבן צו טאגן אזוי אז דאס גאנצע שלאפן, איז נישט געווען מער ווי 15 מינוט, ער האט זיך דאן אויף געהויבן, אין געגאנגען לביה"כ, און דאן געוואַשן זיך די הענד, און צוריק געגאנגען צום עמוד ווי ער האט געזאגט די ברכות על נטילת ידים און ברכות התורה.

דערווייל האט שוין דער עולם אנגעהויבן אן צו קומען אין די שוהל, און פונקט 8 אַזייגער האָט דער רבי אָנגעהויבן דעם „אנעים זמירות" און „אדון עולם" מיט די באוווסטע נגונים אין דער נאך די ברכת השחר, דער בעל מתחיל מיט דעם בעל שחרית האבן שוין איינגעזען אז זיי האבן נישט היינט קיין טשאנס צו דאוונען פארן עמוד.

נאר דער שוהל חזן האט זיך יא באקלאגט פאר דעם פרעזידענט, סטייטש! זאָגט ער, איך האב מיך אַ שיינע פאר וואָכן צו געגרייט צו די ימים נוראים תפילות מיט אַ שיינעם כאָר, און דאָ קומט אַ פרעמדער יוד, און טוט וואָס ער וויל, מילא כל נדרי איז דאך שוין פארפאלן, אבער זעט כאטש אז איך זאל האבן דאס געלעגנהייט צו דאוונען מוסף, דען ווי עס ווייזט אויס, וויל ער גאר דאוונען אלע תפילות. דער פרעזידענט האט אים אבער געזאגט, אַז ער קאן גאר נישט טוען דערצו, ער וועט זיך נישט אונטערשטיין צו הייסן אזא יוד אוועקגיין פון עמוד, און וועט אויך נישט ערלויבן אן אנדערן מען זאל אים ח"ו מבייש זיין.

צו דעם שמועס איז דער רב אויך צו געקומען און געזאגט, אז מען קאן זען דאס גרויסקייט פון דעם רבין, מיט דעם וואָס מען האט אים היינט פארציילט, אז דער רבי איז געשלאפן אין דער פרי א פערטל שעה, דער פרעזידענט האט נישט באלד פארשטאנען, און פרעגט דעם רב וואס ער מיינט דער מיט צו זאגן.

האט דער רב אים ערקלערט: — אזוי ווי מיר האבן נעכטן בייגעווינט דעם רבינס דאוונען, און דאן איז ער געשטאַנען אַ גאנצע נאַכט ביים עמוד פארנומען מיט תורה און תפילה און זיין יעצטיגן שחרית דאַוונען אָן אַ סימן פון מידקייט, קאָן מען גרינג פארשטיין אז ער באנוצט פשוט הימלישע כחות, און וואָלט אפילו דאָס פערטל שעה אויך נישט געדארפט שלאָפן.

— נאר, — האט דער רב פאָרטגעזעצט — אַזוי קען מען פארשטיין זיין גרויסע צדקות, ווייל ווי עס איז באוווסט, אויב מען שלאָפט נישט ביינאַכט, איז אין דער פרי א שאלה אויף אַ טייל פון ברכת השחר, אויב מען קאָן זיי זאגן אין דער פרי, און ווער שמועסט נאך היינט אום יום כפור איז דאך אסור ברחיצה, וואָלט דאָך געווען אַ שאלה אויף די נטילת ידים פון אין דער פרי, און דערפאר כדי דאס אלעס אויסצומיידן האט ער זיך צוגעלייגט פאר דעם פערטל

שעה וואָס דאָס הייסט אין לשון פון די פוסקים „שחין נשמין“ (60 אָטעם צוגן). און מיט דעם האָט ער אויסגעמיטן אלע ספקות אָן דעם מינדסטן חשש, און איך בעט דעריבער דעם פרעזידענט און דעם חזן, אַז מען זאָל אים ווייטער נישט שטערן, ווייל מען קאן זאגן אויף אים איש אלקים קדוש הוא.

דעם רב׳ס ערקלערונג האָט געמאכט אויף זיי זייער אַ גוטן און שטארקן איינדרוק. אלעס איז שוין געגאנגען כסדר. נאָך שחרית און קריאת התורה האָט זיך דער רבי געשטעלט דאַוונען מוסף, און נאָך מוסף האָט דער רבי אַליין אויסגערופן בקול רם: הפסקה שעה אחת!

דער רבי איז ווייטער געשטאנען ביים עמוד און דער פרעזידענט האָט נאך אמאל צוגערופן דעם רבי׳נס משמש און אים געפרעגט אויף מער איינצלהייטן; פון וואַנען זיי קומען און וואָס איז זייער צוועק. דערנאָך, בעט ער, אז דער רבי צוזאמען מיט אים (דעם שמש) זאלן קומען צו אים צו די סעודה פון מוצאי יום כפור, און זיי וועלן קאָנען האָבן ביי אים אַ באַזונדער שטיבל מיט צוויי גוטע געלעגערס, פאר די גאנצע צייט וואָס זיי וועלן דאַרפן זיין אין לעמבערג.

עס פארשטייט זיך, אַז דער משמש האָט עס גערן אָנגענומען, הויפטזעכליך צוליב די געלעגערס, ווייל זייער אכסניא איז געווען זייער ענג, און טאַקע נישט קיין גוטע געלעגערס.

פונקט נאָך די הפסקה שעה אחת האָט דער רבי אָנגעהויבן צו דאַוונען מנחה, און באַלד דערנאָך די תפילת נעילה, און כאָטש ער האָט זיך נישט באנוצט מיט אַ זייגער, איז ער פארטיג געוואָרן פונקט צו די מינוט, און באלד דערנאָך דעם וואָכנדיקן מעריב פון מוצאי יו״כ, שנעל געדאַוועט און אויך געמאכט די הבדלה.

צום סוף האָט דער רבי אויסגערופן דעם פרייליכן גוט יום טוב, אַ גמר חתימה טובה, מיט אַ גאולה שלימה פאר דעם כלל ישראל.

נאָך די הילכיגע און הארציקע יישר כח׳ס פון גאנצן עולם איז דער פרעזידענט צוגעגאנגען צו אים און געזאָגט אז ער האָט שוין אַראַנזשירט מיט זיין משמש אז זיי זאָלן מיט אים אַהיים גיין צו די סעודה. דער רבי האָט אים הארציק געדאנקט, זיך געזעגענט מיטן רב, און געבעטן ער זאָל אים ערלויבן מאָרגן קומען צו אים כדי זיך אַדורכצושמועסן וועגן דעם צוועק פון זיין קומען, און צוזאַמען מיט דעם משמש זיינען זיי געגאַנגען מיט דעם פרעזידענט אַהיים צום סעודה.

נאָר דאָ איז פאָרגעקומען דער רעכטער סורפריז! ווען דער פרעזידענט האָט אַריינגעפירט זיינע געסט, זענען שוין דאָרט געווען פארזאמעלט ביים טיש זיינע קינדער און איידעמס, ווי יעדער פון זיי האָט עפּעס טועם געווען. ער האָט אַריינגעגאָסן אַ כוס ווין און גענומען אַ שטיקל קוכן פאר׳ן רבי׳ן, און דערנאָך האָט ער אליין עפּעס טועם געווען. אָבער אין איין מינוט אַרום גיט ער אַ קוק און זעט ווי ער זיצט פאַרטראַכט און רירט זיך ניט צו צו קיין זאַך.

—רבי, עסט עפּעס — בעט זיך ביי אים דער פרעזידענט.



— דאָס הארץ איז מיר אַביסל אַוועק, — זאָגט דער רבי, — איך וואָלט געוואָלט עפּעס צו דערכאַפּן דאָס הארץ.

דער פרעזידענט גיסט איין אַ טייער ביסל ליקיור מיט אַ שטיקל לעקעך. ער הייסט אויך באלד אַריינברענגען אַ וואַרימע גלאָז מילך.

נאָר באלד איז צוגעקומען דער משמש (ער האָט שוין געוווסט וואָס דאָס מיינט), און בעט זיך מען זאָל אים ווייזן די גמרא־שאַנק. ער זוכט דאָרט אויס די גמרא סוכה, דערלאנגט זי צום רבי׳ן. דער רבי האָט אַרומגעכאַפּט די גמרא און זי געקושט, פונקט ווי מען פרייט זיך מיט אַ ציטערדיק בן יחידל וואָס מען האָט שוין נישט געזען אַ לאנגע צייט. דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו לערנען „סוכה שהיא גבוה למעלה מעשרים אמה“ מיט אַזאַ קול און התלהבות, ווי ווען ער האָט נעכטן געזאָגט דעם „על דעת המקום.

דער משמש האָט זיי קלאָר געמאכט אַז דאָס איז אַן עסק פאַר אַ סך שעה׳ן ווייל ער וועט נישט טועם זיין ביז ער וועט ענדיקן די גאנצע גמרא. און אפשר גאָר אַ גאַנצע נאַכט, נאָר כדי נישט צו שטערן דעם עולם, בעט ער, אַז עמיצער זאָל אים העלפן אַריינפירן דעם רבי׳ן אַזוי מיט דער אָפענער גמרא, אין דעם צימער וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר אים. מען האָט טאַקע אַזוי געטאָן. דער משמש איז באלד צוריק געקומען צום טיש און מיטגעהאלטן די סעודה. דערנאָך איז ער צוריק אַריין אין רבי׳נס צימער און זיך געלייגט שלאָפן. דעם רבי׳נס לערנען האָט אים נישט געשטערט ווייל ער איז געווען שטארק מיד פון תענית און פון אויף־זיין די פאָריגע נאַכט אין שול.

דריי אַזייגער האָט זיך דער משמש אויפגעכאַפּט און ווען ער האָט געעפנט די טיר האָט ער געטראָפן דעם פרעזידענט זיצנדיק ביים טיר. ער זאָגט אים אַז ער וויל דאָ זיצן און איינהערן זיך צום רבינס לערנען און פרעגט דעם משמש ווי לאנג עס וועט נאָך דויערן. דער משמש איז צוריקגעגאַנגען און האָט געזען אַז דער רבי האָט נאָך צו לערנען אַן ערך פון פינף בלעטלעך און אז עס קאָן נאָך דויערן אַ קנאַפּע שעה.

— יעצט — זאָגט דער פרעזידענט, — בעט איך אייך צוויי זאַכן: ערשטענס ווען דער רבי וועט האלטן ביים ענדיקן זאָלט איר מיך אַריינרופן, וואַרום איך וויל אויך זיין ביים סיום, און צווייטנס, ווען דער רבי וועט האַלטן די סעודה, זאָלט איר מיך לאָזן אים משמש זיין, איך וויל האָבן די זכיה, כאָטש איין מאָל אין מיין לעבן משמש צו זיין אַזאַ קדוש וטהור, אַזאַ מלאך אלקים.

פאַר דעם סיום האָט ער אים אַריינגערופן, און ווען דער רבי האָט געענדיקט דעם סיום, האָט ער די האַנד געהאַלטן אויפן האַרץ און געזאָגט אַ־אַה! אַ־אַה! געלויבט השי״ת, טאַקע זיך דערכאַפּט ס׳האַרץ, ממש אַ דערקוויקעניש.

דער פרעזידענט האט באלד אריין געפירט דעם רבין צום שוין צו געגרייטן טיש, אָן דער רבי זאגט צו אים מיט א זער גוטמוטיגן און פרייליכן טאָן, אַז אַזוי ווי אַ סיום מסכתא איז דאָך אַ סעודת מצוה, וועט ער בעטן בשרות הבעה״ב נאך 2 מענשן צו די סעודה. דאס מיינט דעם פרעזידענט זעלבסט, און דעם משמש, און אזוי וועלן מיר האבן מזומן, און בזכות זה, זאלן מיר אלע

נאך 120 יאר זיין מזומן לחיי העוה״ב.

ביי דער סעודה, איז דער רבי געווען אין א געהויבענער שטימונג, מונטער און פריילעך, און האט געענדיקט מיט אַ טייער וואָרט, אויף דעם וואָס די גמרא זאגט אז סכות איז „ראשון לחשבון עוונות״ וואָס אסך מפורשים מאטערן זיך מיט דעם מאמר, נאר דער רבי האט געזאגט, דען עס איז דאך באַוווסט אַז מען טוט תשובה מיראה ווירקט די תשובה, אַז די עבירות וואָס דער מענש האט געטון במזיד, זאלן ווערן פארעכנט פאר שגגות, דאגעגען אויב מען טוט תשובה מאהבה, ווערט פון די עבירות גאר זכיות, און דעריבער אום ר״ה און יו״כ ווען יידן בעטן „ובכן תן פחדך, ואמתך על כל מה שבראת״ איז דאך די תשובה מיראה, עס ווערט טאקע פון עבירות, שגגות, אבער ווי באוווסט איז א שוגג אויך נישט קיין געשמאקער אַרטיקל, און יידן בעטן „ותשליך במצולת ים כל חטאתינו״.

און דעריבער ווען עס קומט סוכות זמן שמחתנו, און יידן טוען תשובה מאהבה ובשמחה, דאמאלס זאגן יידעלעך, רבש״ע באהאלט נישט מער אונזערע עוונות, ברענג אלעס אין חשבון „ראשון לחשבון עוונות״ וואָס מער עבירות, איז מער מצוות און זכיות..

זכותו יגן עלינו.

## א. נ. שטענצל

# אין די טעג פון סכות

ווען מיין טאַטע האָט אַ ברעטל צו אַ ברעטל
אונזער קליינטשינק סוכהלע צונויפגעשטעלט,
פון אונטער אַ וואָלקן האט גאט אַרויסגעלוגט:
אַ סך שענער פון מיין אויפגעשטעלטער וועלט!

מיין טאַטע האָט מיט דעם מאַמען אתרוג־געבענטשט,
אַן פגימהלע איז גאטס ווערטל געווען — —
איך האב נאך קיין שענערס געזען אויף גאנצער ערד,
וואָס האט ווי מיין מאמע דעמלט אויסגעזען.

און נאך האלבער נאכט פון הושענה־רבה ערשט!
נישט ריטלעך געריסן פון ווערבעס אראפ —
פון יענע פידלען, אויף זיי אויפגעהאנגענע,
די סטרונעס צוריק אָנגעסטראָיעט איך האב.

יענע טענער ווי קאן איך זיי דען פארגעסן?
די הארץ־רייסנדיקע סטרונעס אין מיין ליד!
זיי אָבער־און ־ווידער צוריק צונויפקניפן,
גאנצע טעג מיינע פינגער ווער נישט מיד.



און אז דער טאטע האט געטאנצט מיט דער תורה —
אלע מענטשן מיט אים אין איין קאראהאָד — —
גאנצע ערד אַן אויפגייענדיקע, פלאַמען טאנץ:
שמע ישראל אדוני אלוהינו אדוני אחד.

# ווען דער הימל שפּאַלט זיך....

אין אויסגעשטערנטער סוף תשרי נאַכט,
ווען פון הימל פאלן מעטעארן,
ווען ער שפּאלט זיך, אלץ אין אים צו דערבליקן,
כ׳האב דערזען מיט בליק, אויפגעריסענעם:
יעדער פיקס־שטערן — א קנעפל צו דריקן!

אויף ריכטיקן ארט און צו דער רגע,
די ראקעטס, די פלי באמבעס אָפּצושיקן.

און איך האב דעם שפּיץ־פינגער אויך דערזען,
ניין, דעם נאגל קוים פון יענעם פינגער,
פון יענעמען אונטער וואָלקנס באַהאַלטן
וואָס די אלע קנעפּלעך אָפּדריקן וועט,
איינס ביי איינס — קיין איינס נישט צוריקצוהאַלטן — — —

האַלב־לבנהדיקע נאָך־האַלבער נאַכט,
ווען נישט די הימלען — אטאמען זיך שפּאלטן.

און ס׳איז די ערד־קויל אויף וועלכער איך שטיי,
אן אָפּגעדריקטע אטאם־באמבע שוין,
יעדע רגע אויפגעריסן צו ווערן,
די פלאמען ביז צום הימל צו שפּריצן,
ווו די וועלט נאר אן עק דאס קראכן צו הערן —

א באציל־באמב, א פארסמטער,
גאנצע וועלט צו פארוויסטן צו צערשטערן!

ניין, ער איז שוין אַן אויפגעריסענער,
נאר אונזערע חושים פארטויבטע שוין,
נישט מער צו הערן און נישט מער צו פילן — —
זיינען דען נישט די מענטשן אליין גאר,
די הויך־אויפגעשאסענע גיפט־באצילן?

ווי מיר פליען דאס ארום פארסמטע,
אן איינער־אין־צווייטן־קלעפיקער־ווילן —

א שטינקנדיק אויפגייענדיקער קנויל,
איינער אין אַנדערן קלעפיק־געקניפּט,
איינער אין צווייטן פאַרקראמפּט־פאַרביסן,
גייען מיר אויף איבערן קיילעך ערד,
מיט אונזער פארגיפטיקטן טון און וויסן —

פול מיט באצילן א באמבע אזא,
האט זיך שוין די ערד קויל ווילד אויפגעריסן!

א, דאס פלאמען אין מענטשלעכע אויגן,
גאנצע ארום אויף אש צו פארקוילן;
און אלץ וואָס לעבט פארדישען און דערשטיקן,
פון געהירן־טשאַד אויפגייענדיקן,
און פון גיפט־געשטראל פון מענטשלעכע בליקן;

און יעדער צוק פון פארציקטע הערצער —
טויט־כוואַליעס אין אלע אויף אלע זייטן צושיקן.

## א תפילה

אויסגעפילט אין מיר איז דער שטן,
און גאָט — דעם קליינסטן פלאַץ אין מיר האָט;
דערפאר ווען קליין און נידריק איך בין,
דעמלט ערשט דערפיל איך אין מיר גאָט.

וואָס גרעסער, וואָס דערהויבענער,
אַלץ מער שטן אין מיר איך דערשפיר — —
לאז מיך דאך אזוי קליין זיין,
כ׳זאָל שפירן גאָט אין מיין יעדן ריר.

ווי צו גרויס זיין, צו קליין זיין קיין שיעור!
אַזוי קליין אמאל צו קענען זיין
די אין־סופיקע אומענדלעכקייט
משיג צו זיין און קענען פארשטיין — — — — — — — — — — — — — —

## געוויין נאך האלבער נאכט

אויפגעבראכן שפאלט זיך דאס הארץ —
אַ פעלדזן פון טריפנדיקן טראָפּ,
און ס׳איז קוועלכל שטיל צעמורמלט,
ווען צווישן שאטנס ס׳נידערט אראָפּ.



לויטערער ווערט עס און ריינער
אין דעם שאטנדיקן קילן גאנג,
און אויף שטרויכל־שטיינדל, אויף שארפסטן,
קלינגט עס אויס נאך זיין זילבער געזאנג.

און אַזוי אלץ ליכטיקער ברייטער,
מיט וועלדער צערוישט מיט הימל־שיין,
גיך אָנצוקומען, צו דערגרייכן — — —
אַזוי פון הארצן תפילה געוויין.

## „למענך אלוהינו הושע־נא“

אַז שולדיק מיר אלע זיינען,
און געשען ס׳קען אין איין בייזער שעה,
ווי אנדערש קאן זיין אונזער תפילה — —
„למענך אלוהינו הושע־נא“.

איבער אונז זיך אראפּצולאזן,
אַ שוואַרץ־צעפלאַטערטע שווערע קרא,
שפרייט כמארעדיק שוין אירע פליגל — —
„למענך אלוהינו הושע־נא“.

הונדערט מיליאן וויניקער צי מער,
אָ, וואָסער גרויסער חלוק שוין,
נישט פאר אונזער מענטשלעכן לעבן — —
„למענך אלוהינו הושע־נא“.

## שישו ושמחו ניגון

אז מיט אונזערע פענדלעך פאפּירענע
דעם גאנצן ערד־קיילעך ארומגערינגלט,
און מיט קליינינקע שמחת־תורה־ליכטלעך
הימלען געצונדן און ארומגעצינגלט,

וועט דאך איבער אונזער לענדעלע קליינעם,
(אָ, ווי צעפּיצלט ס׳איז, ווי צעשטיקלט!)
הענגען בלייבן אַ ליכטיק צעפלאַטערטע,
אונזער פאָן אצינד, געוואַלטיק צעוויקלט — — —

ס׳גייען די בערג ארום ירושלים,
ווי הקפות ארום א שול־בעלעמער,
און גאָט אליין אויפן העכסטן שטייט און שרייט:
צאָן קדשים! מיינע הייליקע לעמער!!

שכורלעך־פארשוויגן, האלב־אויסגעניכטערט,
פון פיס געפאלן די טאלן שוין ליגן,
נאר די בערג, — „ההרים רקדו כאלים״! —
אייביק מיט זייער שישו־ושמחו־ניגון.

---

## נ. שוחם (ישראל)

# א היים

ווי ס׳ווייזט אויס בין איך געווען פאַרטאָן אין הוריותן. מוטנע האָב איך געשפּירט ווי מיין וועג־חבר קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע:

— דיך איז ער אויסן — זאָגט ער מיר און ער טייטלט מיט זיין גראָבן פינגער אויף הינטערוויילעכץ.

כ׳האָב מיך אין אים איינגעקוקט. מן הסתם איז מיין בליק געווען פלאַטערדיק און פאַרנעפּלט, היות ער האָט עניוותדיק געשמייכעלט און צוגעגעבן:

— ער, דער שאָפער.

אין אויגן־מיג איז מיר אלץ קלאָר געוואָרן. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער שאָפער האָט מיך צוגעווונקן, בעת אַלע פּאַסאַזשירן האָבן די קעפּ אומגעדרייט אויף צוריק מיט אומגעדולד. און איך בין אַריינגעטאָן אין הוריות.

— דאָ באַדאַרפט איר אַראָפּגיין — האָט דער שאָפער געזאָגט, מיט אַ פּרעטענזיע.

אָט טאַקע אַזוי. אַ פליאה איז עס מיר געווען. מיר זיינען געשטאַנען אויף דעם וועג וואָס פירט צום שער הגאי. ס׳טייטש ווי האָב איך דאָס גאָרנישט באמערקט? כ׳האָב מיך צוגעאיילט אראָפּצוגיין. מיין צומישעניש האָב איך פאַרהוילן מיט אַ פּארלעגן פּארקען זיך ארום מַיין וואַליזקע.

גיי מיט׳ן דאָרטיקן וועג — גראַדאויס דיין נאָז. פונם בערגעל אויבן וועסטו זען דעם קיבוץ שער הגאי. גיי גיכער איידער ס׳ווערט טונקל אַנישט וועסטו בלאָנדזשען אין וועג — האָט מיר דער שאָפער גאלאנט נאָכגערופן.

כאָטש מיר איז ליב העפלעכקייט און תמיד קאָנסטו מיך נעמען מיט אַ גאלאנט וואָרט, האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט אויף די גאַנצע מעשה אַ תרעומת. ס׳טייטש אַזאַ איינער גייט מיך לערנען דעם וועג צו שער הגאי?



שוין־זשע האָבן די פּאָר ווינציקע יאָרן פאַרבראַכטע אין אייראָפּע, אָפּגעווישט פון מיין פּנים די אויסגעשפּראָכענע פאַבריקאַציע־צייכנס פונם קיבוץ שער הגאי? און איך האָב גאָר געמיינט אז ס׳אנטועכץ מיינס, דאס היפּער־אייראָפּעאישע, פּאַסט מיר ווי ס׳פּאַסט פאָר אַ קאַץ דער צילינדער. אין עצם האָב איך געמיינט אַז מיין פיזיאָגנאָמיע אפישירט מיך וועגן מיין טוען, וואָרעם געדוכט האָט זיך מיר אַז הן פיזיאָגנאָמיע הן שטייגער זאָגן פון פאָראויס עדות וועגן דעם ווי אַזוי אַזאַ בריאה ווי איך איז בדיעבד מסוגל צו טראַכטן און וואָס צו זאָגן. און וויבאַלד עמעץ איז זיך טועה בנוגע מיין אָפּשטאַם אָדער עלטער, זע איך אַז ס׳איז נישט אַזוי און כ׳האָב קיין ברירה נישט, נייערט זיך נוהג זיין מיט לייט אַזוי ווי זיי דערוואַרטן פון מיר און כ׳מוז פאַרמיידן אַלע מידות וואָס יונגע און גוטהאַרציקע מיידלעך מיינען אַז זיי פּאַסן דיר נישט. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָנסטו פאַרטייטשן יענעם אומפאַרשטענדלעכן פאַרדראָס מיינעם בעת דער שאָפער האָט מיך, ווי אַ חדר־ייִנגל, געלערנט דעם אלף פון גיין אין דעם קיבוץ שער הגאי. ס׳דאָזיקע עגמת נפש פאַרפלאַנצט אין אַ געהעריקן און פייכטן באָדן, האָט גענומען שניידען אין די טיף וואָרצלען. אַ טייל פון דער פאַרדראָסנקייט האָב איך איבערגעענטפערט דעם אָוונט־ווינטל און די צווייטע העלפט האָב איך פונאַנדערגעטיילט אויף טעלערלעך פון זכרונות.

יעטווידער קוואָדראַט־מעטער דאָ האָט מיך באַלאָדנט מיט זכרונות וואָס סטייען פאר צוויי באָבעס. און איך בין אַ יונגער מענטש, אַ פלאַטערדיקער גלאָב־טרעטער, אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט און אַביסל אַ מאָדנער. איך האָב טאַקע פאַרבראַכט אַ היפּשע פּאָר יאָר אין אייראָפּע, כ׳האָב מיך גענומען באַציען מיט וויכטיקייט צו זיך גופא, כ׳האָב מיר דערוואָרבן מידות פון שטאָלץ און איבערגעשפּיצטקייט, באַוויזן צו לערנען פאַראכטן אַלץ וואָס איז וויטער פונם צילפּונקט וואָס פון מיין האַנטס אַ שאָס. כ׳האָב מיר דערוואָרבן די וואונדערבאַר נוציקע פייאיקייט צו שטרעבן צום נוציקן אָבער ווי באַלד איך קום צוריק צו דער־אָ לאנדשאפט פיל איך מיך ווידער ווי דער הילפלאָזער ייִנגל פון יענע טעג ווען די סוריה פלעגט פון מיר אָפּשפּאָטן צוליב מיינע צוויי צאַרטע הענטעלעך און זי פלעגט זיך איבער מיר איזדיקעווען. אבער מיין חסד־נעורים, מיין יוגנט טרייקייט צום לאנדשאפט איז ביז גאָר איינזייטיק: די לאנדשאפט האָט מיר נישט אָפּגעגאָלטן מיט טרייקייט פאר מיין טרייקייט. זי האָט נישט ווינציק שינויים געמאכט איבער זיך: באַצירט זיך מיט פּרוכטסעדער און גרעזער און זיך פּילפאַרביק צעבליט מיט אַ שפע פון גרינס. די געגנט האָט זיך פאַרלאָזט אַ וואַלד־שופרינע אויף איר קאָפּ, געפלאַסטערט שאָסייען אין סאמע מיטן פון איר צעכראַסטעט הארץ, אָנגעלאָדן אויף אירע אקסלען ציגל און געהילץ, בעטאָן און אייזן פון אַ נייעם ישוב׳ישן פּונקט און פון איר שטערן האָבן אַרויסגעגלאַנצט סטאַוון־אויגן כדי זיך מיט שמחה איינצוקוקן אין איר אייגענעם פראַכטפולן באַשאַף.

עפּעס אזא צעמישעניש! אָבער פאַרלאָז זיך אויף מיר אַז כ׳וועל דעם דאָזיקן מישמאַש וואָס אין מיין נשמה ווידער ברענגען אין אָרדענונג, ווי מיר

וועט זיין באקוועם און פּאַסיק. אָבער די לאַנדשאַפט וואָס ווייסט נישט פון כאבאר און פּרעזענטירט דיר — אַמאָל דיך פאַראורטיילנדיקע גרודעס ערד און אַמאָל שטיקער באָדן וואָס פאַרטיידיקן דיך — איז מיר גאָרנישט צום האַרצן.

די פריינט וואָס איך האָב פאַרלאָזט מיט יאָרן צוריק — ווי וועלן זיי מיך אויפנעמען? וואָס זאָג איך זיי און וואָס זאָגן זיי מיר? ס׳איז קיין ספק נישט אַז אין זיי האָט זיך אין צווישנצייט אָנגעהויפּט נייעס פּונקט ווי אין מיר. אָבער אין מיר זע איך כאָטש סימנים פון וואַקסן און כ׳בין גורם אנטוויקלונג, בעת אין זיי וואָס איך שפּרינג ווי אַ בליץ איבער זיי פּלוצעס אַראָפּ, בין איך גורם רק פאַראַנדערשונג. דאָרט ווו אַ פאָרהאָנג פון אַן אוהל האָט אין ווינט געפּאָכעט און אנטפּלעקט סודות שטייט היינט אודאי אַ בעטאָן וואַנט. דאָרט ווו עס איז אַמאָל געווען אַ פענצטערל, פּלאָנטערט זיך מן הסתם עפּעס אַ קזשאַק און דאָרט ווו אַמאָל האָבן זאנגען אין פעלד תפילה געטאָן, שפּאַצירן אפשר פעטע אויסגעפּאַשעטע קאַרפּן. און אויב זיי — די חברה מיינע פונם קיבוץ שער הגאי האָבן אינצווישן זיך געפּלאַסטערט און מיט אספאלט באַשמירט אַ גיכן שטראָז וואָס פירט פון זייערע מוחות אין די הערצער — איז אויס די געשיכטע פון חברישע שפּאַצירן ביים שיין פון אַ טרויעריקער לבנה.

כ׳ווייס אז דער עולם אינעם קיבוץ האט מיר אמאל מוחל געווען אלע מיני משוגעתן. כהאב געמעגט קומען אינמיטן דער אלגעמיינער שיחה און זאגן געפּילפּולטע רייד און זיי זענען געווען טאלערירט און אויפן פלאץ. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳בין געקומען דערצו כ׳ווייס נישט צי ס׳איז געווען א מיין דערביי. אבער כהאָב דאך געהאט אין הארץ־זאכן אזא פּאָזיציע אזא אנזען. פּונקט ווי קיינער האט נישט געאכט מיינע רייד ווען כ׳האָב געזאגט עפּעס וועגן קויף און פאַרקויף כ׳האב מיך מצער געווען דערויף, אָבער אַ פאַקט איז עס געווען און ס׳וועט דיר נישט געלונגען אַרויסצוקריכן פון דיין פּאָזיציע, סיידן דו האסט צו פארצייכענען אין זיך אליין זייער וואָגיקע פארוואנדלונגען.

אבער איצטער ווען איך קום צוריק נאך א לאנגער צעשיידונג, וועלן־זשע די לייט מיך לאָזן זיין ווידער „איך?" וועל איך ווייטער מעגן זיין אַ סך הכל פון אַזויפיל משוגעתן און ליבהאבערייען און פון נאך א זאך וואָס איז נישט אנזעעוודיק פאר דיינע אויגן, אבער אנזעעוודיק פאר די אויגן פון די אַנדערע — אַ זאך וואָס מען קאן גראב טייטשן — „כאַראַקטער נאטור אדער טעמפּעראמענט".

כהאב געטראכט וועגן צימערמאנען און זיך דערמאנט אז כהאב אים נישט ליב, דערמאָנט זיך אין אים און אין זיין ווייב. דער מיאוסער קליפּה, וואָס כפלעג מיך עקלען פאר איר, אזש (ביז מיידן זי) וויבאלד כהאב זי געזען זיך נענטערן צו מיר. כ׳האָב מיך דערמאנט אין נאך א פאר לייט וואָס כ׳פלעג זיי נישט גערן האבן און כ׳האָב מיך געשעמט אז פאר אזעלכע פלעג איך אויפדעקן אביסל פון מיין נשמה. האב איך דאס טאקע געטאן און האב איך דען עפּעס געזאגט? כ׳האָב דאך גארנישט — ניט געזאגט — אפילו כ׳האָב אין



מיין סטיל געשריבן אַ לאנגן בריוו וועגן דעם. פונדעסטן האָט מיר דערנאך מאשא געשריבן: עד ווי קען איך דיך, ווי פאַרשטיי איך דיך, דער דאָיזקער ברייו איז גאנץ דו! יע, מנחם, מנחם, דו האסט דיך גאָרנישט פאראנדערשט. כ׳האָב מיך געפילט נישט אינגאנצן באקוועם אין דערין. וואָס הייסט דאס? וואָס גיט איר דאס רעכט צו זאגן דאס (אחוץ אפשר וואָס דער ווילן אירער אליין גיט איר אזא רעכט....) אַ נארישקייט....

כ׳בין געגאַנגען ווייטער, ביז איך בין צוגעקומען צו די נאָענטע פעלדער אינעם קיבוץ. פונעם טויער ארויס האט גאלאפּירט אַ פערד און אויף אים א קליינער יאט פונעם ייִנגווארג. כהאב נישט דערקאנט — נישט דעם יאטל, נישט דעם פערד. ווען כהאב פארלאזן דעם קיבוץ, האבן זיי אודאי געמאכט די ערשטע טריט אויף דער קיבוצישער ערד. איינגעקוקט אין די פעלדער, האב איך געזען א פאר זאכן וואס אין מיין צייט האב איך זיי אויסגעפּראוועט. זיי עקזיסטירן נאך עד היום. דעם רעגן־קאנאל אט א דא האב איך אינסטאלירט. א סאך וואַסערן זענען דורך אים אדורכגעפלאכטן אבער עס היט מיר אפּ אן אלטע פריינטשאפט.

כ׳האב געזען ליכט אינעם צימער און כ׳בין אריין. דארט איז געזעסן אן ארבעטס־פארטיילער פונעם קיבוץ און אייניקע בראנזשען־לייטערס און זיי האבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך. כאָטש אריינגעטאן אין אַ מחלוקתן האבן זיי מיר געגעבן א ברייטן ברוך הבא. כהאב פּלוצעס געפילט אז איך מוז אויפשטיין מארגן גאנץ פרי און נישט אָפּלייגן דאס באארבעטן מיין „איך".

כ׳האב געפילט אז כ׳מוז אויפשטיין צו דער אַרבעט כדי צו לאזן וואָס פריער וואַקסן דאס פארלאָזענע פעלד וואס אין מיין הארץ.

— „טייל מיך מארגן צו אויף ארבעט". — האב איך געזאגט צום ארבעטס־לייטער. אלע האבן מיך אנגעקוקט מאדנע און פארוואונדערט.

— „שוין אינעם ערשטן טאג בשום אופן נישט. דו מוזט רוען — האט ער מיר געזאגט העפלעך.

— איך בעט דיך, כמוז מארגן ארבעטן — האט מיין קול זיך אנגעזעצט אויף זיי.

— מילא זאל זיין אזוי — האט ער געזאגט, און פארצייכנט אין זיין נאטיץ־ביכל.

כבין ארויס פון דארט מיט א געפיל ווי נאך עפּעס א גרויסן אויפטו. אמת כהאב געוווסט, אז מיינע חברים וועלן פארטייטשן די פאדערונג מיינע מיט דעם ביי מיר אַזוי באקאנטן חשק צו אפישירן זיך, מיט מיין פארליבשאפט צו פארבליפנדיקע און מאדנע מעשים. כ׳ווייס: אויך דאס וועלן זיי מיטציילן צו די מענטליקער משוגעתן מיינע. אבער זיי וועלן מיר דאס און נאך אנדערע זאכן מוחל זיין, — מיט דער צייט.

פון העברעאיש, ש. שפּיוואק.

## משה עובד

# דעם שור־הבר׳ס ליד

אַ פראַגמענט פון בוך „אותות ומופתים פון משיח און זיין אייזעל׳ע“
וואָס איז איצט אין דרוק

די דראַמע וואָס האט זיך אָבגעשפילט אויף משיחס יושר בארג, האט אבגעצויגן דאס פובליקום פון יידישן טעאטער, ניט נאר די „אינטעלעקטואלן“ וואָס גייען סיי ווי נישט, — נאָר אויך עמך.

ווען עס געהט אַזוי אָן נאך אַ שטיקל צייט וואָלטן די אַקטיאָרן געשטארבן פון הונגער און דירעקטארן — פון דורשט.

האט זיך מישב געווען דער „סטאר“־אקטיאר און איז מיט דער טרופע, ווי מחמד, געגאנגען „צום בארג“ און דארט אָבגעשפילט אַ סאַטירע אויף משיח׳ן.

דער סטאר־אַקטיאָר
האט זיך פערשטעלט פאר׳ן שור־הבר:
די ראלע פון לויתן
האט ער געגעבן דעם לאנגען נתן,
און די איבריגע, דער כאָר,
פונם סטאר־אקטיאר.

„מיין מלך, משיח בן דוד,
אים גיב איך כבוד:
משיח׳ס קרוין־דערנער,
ווי איך, ביק מיט הערנער!

משיח עסט גראָז, ווי איך;
עס אַרבעס ווי איך;
גייט באָרוועס, ווי איך —
משיח, ווי איך, אהן שיך.

פאר משיח דעם גערעכטן
איך זיך לאָז בינדן, שינדן, שחט׳ן,
באקען, פרעגלען און בראטן;
מיך און מיין שאטן.

רשעים מיך נישט פרעסן,
צדיקים מיך עסן,
נאָגען מיין ביין —
אָה, מיר גוט זיין!



איך אה, אה, זאג:
נאָג, צדיק, נאָג!
נאָג, צדיק, נאָג!



מיניאַטור־סקולפטור משה עובד

דער שור־הבר בעלעקט זיך, פאסמאקעוועט זיך און זינגט, באַגלייט פון דעם כאָר:

צדיקים מיך וועלן מיט גארטלען בינדן:
— בינד, בינד, בינד!
חלף־פייער אין אויגן צינדען:
— צינד, צינד, צינד!

מיט אַ היליגער ברכה וועט שוחט שחט׳ן:
— כיק, כיק, כיק!
אַ קאנטשיק פון מיין זנב וועט מלמד פלעכטן:
קליק, קליק קליק!

אָבשינדן וועט מען מיינע פעלצען:
— אה, פעלץ, פעלץ, פעלץ!
מיינע פעטע גריוון — צדקניות שמעלצען:
— אה, שמעלץ, שמעלץ, שמעלץ!

מיינע ביינער צדיקים נאָגען:
— נאָג, נאָג, נאָג!
משיח בן־דוד וועט תורה זאגען:
— זאָג, זאָג, זאָג!

אַ שופר וועט פון מיין הארן בלאזן:
— בלאָז, בלאָז, בלאָז!
פושעים וועלן אַנטלויפן ווי האזען:
— האָז, האז, האז!

מיינע ביינער וועלן קראכן:
— קראך, קראך, קראך!
פון מיינע ריפּן קאטלעטן מאכן:
מאך, מאַך, מאך!

שלינגען לונגען וועט צרה־ביילע:
— ביילע, ביילע, ביילע!
די לעבער אויפעסן אהן אַ שאלה:
— שאלה, שאלה, שאלה!

אַ גלעזל משקה וועט מען טרינקען:
— טרינק, טרינק, טרינק!
דעם לויתנ׳ס אויגן ווי ווייץ ווינקען:
— ווינק, ווינק, ווינק!

מיין חבר לויתן וועט זיך בעטן:
— בעט, בעט, בעט!
שמאטשקעט, יידן, מיינע גרעטען:
— גרעט, גרעט, גרעט!

דאס אפ׳חוזק׳ן פון דער משיח׳שער שור הבור לעגענדע האט שטארק פארדראסן ס׳אייזעלע, און עס איז געגאַנגען גרייט צו צו׳מזיק׳ן דעם סטאר און די גאנצע טרופע, נאר משיח האט אים איינגערוימט: טהו זיי נישט קיין שלעכטס! געדענק, אפילו אַקטיארן זיינען אויך מענטשן...





# א ייד אין ווענעדיג

איך בין ניט קיין רייזנדער און ניט קיין זון פון אַ רייזנדער; אַ גוטער רייזנדער איז ווי אַ גוטער פאַרליבטער אָדער ווי אַ גוטער פאַמיליענמאַן: ער גיט זיך זיי אינגאנצן אָפּ. איך וואָלט געזאגט אז א גוטער, אַ אמתער רייזנדער איז ניט איינער וואָס פארט אויס אסך לענדער, נאר איינער וואָס אז ער קומט אין אַ ניי לאנד קומט ער אהין ווי א נייער מענטש מיט נייע אפענע אויגן און איז גרייט אויפצונעמען נייע איינדרוקן פון אַנדערע מענטשן און לאנדשאפטן, פון א נייעם שטייגער לעבן, מנהגים, געוווינהייטן א.ז.וו.

מיט איין וואָרט: אַ גוטער רייזנדער איז אַ מענטש וואָס לאזט זיך אליין איבער אין דער היים ווען ער פארט ערגעץ ווו ער איז נאך ניט געווען....

איך אבער קען עס ניט: וווהין איך זאל ניט פארן מוז איך זיך מיטנעמען אויף דער רייזע. זיך און מיינע אלטע, היימישע דאגות, זארג און פּראבלעמען. אפילו מיינע היימישע בייגקשאפטן נעם איך, ניט ווילנדיג, מיט. איך קען פאר פארן אין אזעלכע נאמיר זאגן, ראמאנטישע און וווּנדערשיינע לענדער ווי שפּאַניע, איטאליע אדער אונדזער ישראל; איך קען ארומוואַנדערן איבער זייערע שיינע שטעט און גאַסן, און פלוצלים זיך כאַפּן אז איך גיי דארט ארום פונקט ווי איך וואָלט געווען אין דער היים, פארנומען מיט די אייגענע מיינע אלטע זארגן און פלענער... פארטראכט זיך, הייסט עס, און באמערק ווי גארניט באוווסטזיניג הייסט עס, די נייע פארבן און מענטשן ארום מיר....

איך ווייס אז סאיז ניט גוט אזוי צו זיין און אסך מאל בין איך בייז אויף זיך דערפאר, ווייל מען פארט דאך אין אַנ׳אַנדער לאנד אנמיינסטן זיך אָפּפרישן און באַנייען, זיך אָננעמען מיט נייע איינדריקע עפּעס נייעס צו לערנען פון אַנדער פעלקער און לענדער. אבער איך קען זיך ניט העלפן, אפנים: עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע נאַטורן — אינטראָספּעקטיווע רופן זיי אַן פסיכאלאגן — וואָס קוקן שטענדיג אין זיך אין זייערע אייגענע נשמות אריין, וואָס זיינען סרוב פארנומען מיט זייערע אייגענע געפילן, געדאנקען און פּראבלעמען, פון וועלכע זיי קענען קיינמאל ניט פטור ווערן, אדער זעלטן זיך באפרייען.

* * * * *

איך וועל ניט זאגן, און מען קען איבערהויפּט ניט מאכן אזעלכע גענעראַליזאַציעס און כללים, אַז אָט די ערשט באַשריבענע אינטראָספּעקטיווע מענשן, וואָס קוקן אין זיך שטענדיג אריין, זיינען דא מער צווישן יידן ווי צווישן אַנדערע פעלקער, אָבער ס׳איז שוין אוודאי קלאר דאָס ווען אַ ייד באלאנגט צו די מענטשן, פארט ער שוין ניט סתם ווי אַ רייזנדער נאר הויפּטזאכלעך ווי אַ ייד מיט זיינע יידישע פּראבלעמען, בענקשאפטן און זוכענישן....

וווהין א ייד זאל ניט פארפארן נעמט ער מיט זיך די יידישע פּראבלעמע

אדער די פראבלעמע פון יידישקייט ווי ער פאסט זיי אדער פאסט זיי ניט אויף... און וווהין אַ ייד פארפארט געפינט ער דארט אויף זיין שטייגער און לויט זיינע קענטענישן יידישע געשיכטע און יידישע געגנווארט... מיינסטן זייער טרויעריקע און אומעטיגע. פארשטייט זיך אז אויך אנדערע ניט יידישע רייזנדע פארן מיט זייערע נאציאנאלע פאספארטן, און מיט זייער „נאציאנאלן באַוווסטזיין" (אַפילו ווען זיי זיינען גוטע רייזנדע און קענען פאַרגעסן זייערע אייגענע, אינדיווידועלע דאגות און פראבלעמען): למשל, דער אמעריקאנער פארט איצט ארום איבער איראפע ווי ספלעגט ביז דא ניט לאנג צוריק ארומפארן דער ענגלענדער: ווי א וועלט בעל הבית....

(אויך דער אמעריקאנער ייד, וועלכער איז א גוטער אמעריקאנער פאטריאט און איז שטאלץ מיט זיין אמעריקאניזם פארט איצט ארום מיט אבאזונדערער ברייטקייט און זיכערקייט.)

דער ענגלענדער פארט איצט ארום מעשה יורד אבער ער איז פול מיט זיין אמאליקן שטאלץ און זעלבטבאוווסטזיין, און ער קוקט אויף דעם אמעריקאנעם ווי סקוקט דער יורד, דער געפאלענער אריסטאקראט אויף א פארוועניו, אַ אויפגעקומענעם גביר....

דייטשע רייזנדע און טוריסטן הויבן זיך שוין אן ווייזן אין אייראָפּע, אבער זיי זיינען נאך אביסל איינגעלייגט... זיי רעדן נאך אביסל שטיל זייער דייטשע שפראך... עס פעלט נאך זייער אמאליקע אראגאנץ פון וועלכער סהאט, איר זאלט מיר מוחל זיין, ארויסגעגרעבצט זייער „גאט זיי דאנק איך בין איין דויטשער"....

און אזוי ארום אייגנארטיג פארן ארום די בירגער פון אלע אנדערע פעלקער: אויב זיי זיינען גוטע רייזנדע און קענען פארגעסן זייערע אייגענע „איך'ן" פאַרגעסן זיי אבער בשום אופן ניט זייער נאציאָנאליזם, זייער נאַציאַנאלן באוווסטזיין... דער איבערגעטריבן צורייצטער נאציאנאליזם איז אפשר דאס טראגישסטע אין דער איצטיגער אייראפע.

* * * * *

אז דער ייד פארט איצט ארום אין אייראפע מיט זיין נאציאנאלן באוווסטזיין — באהאלטענעם צו אפענעם — איז דאך אפגערעדט. א ייד, ווי געזאגט, מוז מיט זיך, דעם יידן מיטנעמען אויף דער רייזע.

איך רעד איצט ניט פון די יידן פון אלע לענדער — סרוב פארמעגליכע — וואָס באהאלטן אויף ווי ווייט נאר זיי קענען, זייער יידישקייט, און וואָס רעדן זיך איין אז מען דערקענט זיי ניט אלס יידן....

אזעלכע זיינען דא לײדער זייער פיל... סאיז שווער צו זאגן צו די צאל פון די יידן וואָס „מאראניזירן" זיך, וואָס באהאלטן אין פארשידענע גראדן און מאסן זייער יידישקייט איז פראפארציאנעל גרעסער אדער קלענער געווארן נאך דעם חורבן פונם מזרח אייראָפּייאישן יידנטום... אבער, ווי סוויזט אויס, האט דער פאקט אז מיר האבן איצט א יידישע מלוכה ישראל, אויף



דעם סארט יידן עפענטליך ניט געווירקט און זייער מענטאליטעט און פסיכאלאגיע שטארק ניט געענדערט.... מער צו ווייניקער נאר זיי האבן זיך ניט געענדערט...

* * * * *

ווען איר פארט איצט איבער אייראפע, טרעפט איר זיי אין די באנען און אין די גרויסע האטעלן... איר וואָלט געקענט שווערן אז זיי זיינען יידן... אבער ווען איר באגעגנט זיך מיט זייערע „יידישע אויגן" לאזן זיי זיך אראפ... איר פילט ווי זיי בעטן זיך ביי אייך „דערקענט מיך ניט... רעדט מיט אונדז ניט וועגן... דעם"; און איר האט רחמנות אויף זיי און לאזט זיי צו רו... און סאיז טאקע א גאטס רחמנות אויף די יידן וואָס ווילן ניט און האבן מורא מען זאל זיי דערקענען... וואָס ווילן נאר מען זאל מיינען אז זיי זיינען אמעריקאנער, ענגלענדער, פראנצויזן א.ז.וו. איך האב שטענדיק געהאט דאס געפיל אז זיי לײדן אַנ'ערך מער פון זייער באַהאַלטענער יידישקייט, ווי מיר אפענע, נארמאלע אדער זיך נארמאליזירנדיקע יידן....

און מיר רעדן דאך איצט פון די לעצטע מער ווייניקער נארמאלע, אדער ווי מען רופט עס נאך יידישע יידן....

און אז מיר, אזוי גערופענע נארמאלע יידן, פארן ארום מיט אונדזער נאַציאנאלן באוווסטזיין איז דאך אָפּגערעדט. אפשר נאך מער ווי די בירגער און זין פון די אַנדערע פעלקער. און שוין פשוט דערפאר, ווייל וווהין מיר זאלן ניט פארפארן טרעפן מיר דארט א שטיק יידישע געשיכטע — ווייטע און נאענטע — און אַ שטיק יידישע געגנוואַרט. אויב ניט די יידן פראגע און אנטיסעמיטיזם.

מיט איין וואָרט מיט אַ יידן מוז זיין יידיש באוווסטזיין און דערקענטניש איבעראל מיטפארן. אן דעם ספעציפישן יידישן גייסטיקן באגאזש קענען מיר ערגיץ ניט פארן.

* * * * *

אָט האב איך ביי אַ וואָך צייט פארבראכט אין דער וווּנדערבאר שיינער שטאט וועגעדיג (וועניס). אויב סאיז דא אין אייראָפּע בכלל און אין איטאליע אַ שטאָדט, ווו מען קען און מען דארף זיך אינגאנצן פארגעסן איז עס, דאכט זיך מיר, וועניס. וואָס זאל איך אייך זאגן: ס'איז ניט קיין שטאָדט, וואָס דערמאָנט, האט ענליכקייטן צו אנדערע שטעט; ניין, ס'איז ניט קיין שטאדט נאר אַ לעבעדיקער, רעאַליזירטער, גראנדיאס־קלאַסישער טעאטער (אינם בעסטן זין פון דעם וואָרט, פארשטייט זיך): וווהין איר זאלט זיך ניט קערן און ווענדן אין וועניס זעט ער איר פאר זיך פראכטפולע, לעבעדיקע טעאטער דעקאָראַציעס... די שמאלע געסלעך ביי די בילע קאַנאַלן, די שיפן און גאנדאלעס וואָס פארן הין און צוריק אויף די וואַסערדיקע גאסן; היינט די בארימטע בריקן ריאלטא, דער „זפיצן בריק" א.א.... די פאלאצן און דער ווונדער שיינער סן מארקא פלאץ... יעדער ווינקל א ווונדערבארע ראדירונג, גאסן, פאלאצן אלטע קירכעס — ווונדערבארע דעקאראציעס וואָס נעבן יעדער פון זיי וואָלט מען

אַן קיין שום קונצן געקענט גלייך שפּילן גרויס טעאַטער... און די ווענעציאנער איינוווינער אַליין — די מענטשליכע, לעבעדיקע איטאַליענער — זעען אַליין אויס, האָט זיך מיר געדאַכט, ווי טויזנטער און טויזנטער אַקטיאָרן, וואָס לויפן אַרום, האַנדלען אָדער זיצן אויף סן־מאַרקאָ און טרינקען קאַפע אין אַ מין אינטערוואַל צווישן די אַקטן... און אָט־אָ טוען זיי ווידער אָן זייערע „אמתע קאָסטיומען און שמינקע און די שפּיל גייט אָן... מען קען זאָגן אַז גאַנץ ווענעדיג איז אַ בינע מיט וווּנדערבאַרע דעקאָריעס און אַלע ווענעציאַנער זײַנען אַקטיאָרן, אָפּערע זינגער... — נו, איז דאָס ניט אַ שטאָט וווּ מען קען און מען דאַרף זיך פאַרגעסן און לאָזן ווילגיין?

בין איך דאָך אָבער אַ ייִד, האָב איך זיך באַלד, שוין דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען אַהין געמוזט זיך דערמאָנען אינעם באַרימטן „סוחר פון ווענעדיג". אַן דער באַרימטער שעקספּיר קאָמעדיע „טהע מערטשאַנט אָף ווענים" — אַן דעם באַרימטן שיילאָק, פון וועלכן ייִדישע שרייבער אין אַלע שפּראַכן האָבן אפשר מער געשריבן ווי ניט ייִדישע שרייבער. איך פרעג אייך וואָס פאַרא ייִד מוז עס ניט קלערן אין ווענעדיג וועגן דעם „סוחר פון ווענעדיג", פון שיילאָקן און די שפיכת דמים און טינט וואָס אַט די אונשטערבליכע פיגור שעקספּירס האָט אונדז געקאָסט?

* * * * *

ווענים פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ אין דער ייִדישער געשיכטע... אין ווענים האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אליהו בחור, דער ערשטער ייִדישער נאָוועליסט (דער „טשאָסער" פון דער ייִדישער ליטעראַטור, קען מען אפשר זאָגן... אין ווענעדיג איז נאָך פאַראַן די היסטאָרישע אַלטע ייִדישע געטאָ, וווּ ייִדן און איטאַליענער וווינען איצט נאָך... אָבער דאָך קלערן מיר דאָס ערשטע קומענדיג קיין ווענעדיג פונם „סוחר פון ווענעדיג". —

מען דערציילט אַז ווען אַמעריקאַנער טוריסטן קומען קיין לאָנדאָן גייען זיי זען דאָס הויז אין „בייקער סטריט" וווּ דער באַרימטער דעטעקטיוו שערלאָק האָלמס האָט געוווינט דער פיקטיווער, אויסגעטראַכטער שערלאָק האָלמס — די שאַפונג פון קאָנאַן דאָיל איז אַזוי לעבעדיג און רעאַל פאַר די לעזער אַז זיי גייען באַזוכן דאָס הויז אין בייקער סטריט וווּ דער באַרימטער העלד קאָנאַן דאָילס האָט געוווינט....

איך האָב אַליין געהערט ווי אַ אינטעלעקטואַלער ייִדישער שרייבער האָט געפרעגט ביים אונטער־ראַבינער אין דער שול פון דער געטאָ אין ווענים וועגן שיילאָקן... עפּעס טאַקע ווי „דער סוחר פון ווענעדיג" וואָלט געווען אַ היסטאָרישע פיגור וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט.. און דער אונטער ראַבינער אַליין האָט זיך אַזוי פאַרעדט און אים געענטפערט עפּעס טאַקע ווי שיילאָק האָט אַמאָל אַרומגעוואַנדערט אין די שמאָלע געסלעך אַרום די קאַנאַלן, אויף דער ריאַלטאָ בּרוק.... אויף דער „בּריק פון זיפצן"....

און דעם אמת געזאָגט האָב איך אַליין אויך די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין ווענעדיג אַלץ זיך פאָרגעשטעלט אַז אָט־אָ וועל איך בא־



געגענען אַט די מאָנומענטאַלע פיגור שעקספּירס מיט זיין גאַנצן עקל צו די קליינטשיקע, גלאַטינקע און איבערגעשטיצטע פאַרטשיאַס, אַנטאָניאָס, באַסאַניאָס... אַ ליידנשאַפטליכער ריז צווישן קאַרליקעס....

אין דער געטאָ אין ווענים האָב איך געוווּסט אַז איך וועל ניט טרעפן... די געטאָ ווי אַלע אפשר אַמאָליקע געטאָס... ס'האָבן זיך דערמאָנט פאַרלעגערטע ווינקלעך אין דער אַמאָליקער איסט סייד, אָדער ווייטשעפּל... כאָטש ס'האָט אונדז באַגעגנט אַ הויכער אַלט־פראַנקישער בעטלער מיט באַרינגטע שמוציקע אַלטע פינגער...

אַגב האָט אונדז דער יונגער אונטער־ראַבינער פאַרזיכערט אַז אין די יאָרן פונם קריג האָט די איטאַליענישע פּאָליציי די דייטשן נישט אַריינגעלאָזט אין דער געטאָ... אויף ווי ווייט ס'איז אמת ווייס איך ניט, כאָטש ס'איז באַקאַנט אַז די איטאַליענער האָבן זיך אַממענטשליכסטן ווי אַלע אַנדערע אָקופּירטע פעלקער צו אונדז באַצויגן.

---

## י. ה. לעווי

## מיין וואָרט

כהאָב דאָס וואָרט מיינס אויסגעטראָגן
ווי אַ מאַמע טראָגט אַ קינד, — —
אונטערן האַרצן פול מיט פּלאָגן
אַנגסטיק, איידער זי געווינט.

כהאָב זיך אָפט פון וויי פאַרלוירן
אָנגעשפּאַרט אָן יעדן אות;
ביז געוואָרן ס'איז געבוירן
ס'פרייע וואָרט פון מוזעס שויס....

## איך בין אַזוי שטיל

איך בין אַזוי שטיל ווי דער טוי
פאַרנאַכט פון דער ליליע וואָס רינט,
מיין האַרץ וואָלט אייביק אַזוי
פאַראיינזאַמט אַרום ווי דער ווינט....

איך בין אַזוי ווינציק ווי ס'גראָז
וואָס בייגט זיך פון יעדערן ריר;
און ווייס דאָך אַליין נישט פאַרוואָס
שטויב ליגט אַזויפיל אויף מיר?....

## דער אדלער

אין שטאלצער שווייגיקער פארטראכטונג,
דעם בליק געווענדט צום ווייטן רוים,
אן אדלער אויף א גרויסן פעלז־שטיין
געזעסן איז, פארטיפט אין טרוים.

א טשאטע טומלדיקע פייגל
מיט חשד געקרייזט האט איבער אים;
א שטורם, הייבנדיק דעם ערד־שטויב,
געברומט האט אימה׳דיק ארום.

נאר רואיק זיצט דער פעלזן־תושב !...
ניט שיינקענדיק דעם רויש קיין אכט,
דער אדלער זיצט דארט שטום און שווייגיק
און טראכט זיין קעניגליכע טראכט.

נאר ווען דערוואַכנדיק פון שלומער,
באַקוקט האט ער די ברודנע וועלט,
גענומען האט א באנג אים יאגן
צוריק צום פעלזיקן געצעלט....

און — פון דער וואָלקן־וועלט דער קעניג,
א זעלט׳נער גאסט אויף אונדזער ערד —
ער האט צעעפנט זיינע פליגלען
און זיך צום רוים צוריק געקערט.

און פונעם הבל־דיקן עולם,
ניט אונטערטעניק צו זיין טרוים,
איז ער — מיט גלייכגילט צו זיין גורל —
פארשווינדן אינם בלויען רוים !...

„גלאקן אין מדבר“

אַ נייער בוך פון ס. פאלמע באשטעלונגען ביים מחבר :

S. Palme, 193 Dalston Lane, E.8





## רעאליסטישע ליטעראטור

### וועגן דעם ראמאן: „די יידן פון בעלוויל“ פון בנימין שלעווין

דאָס איז אַ ליטעראַריש ווערק פון גרויסן פאַרנעם און באַטייט.

מען מוז האבן א שטארקן טאלאנט פון א גייסטרייכן ווארטקינסטלער אנצושרייבן אזא וואגיק בוך פון יידישן לעבן, פון זיין רעאלן פנים, נישט צוגעפיצט און נישט פארזיסט און דעריבער גאר נישט געפעלשט, נאר קלאר דערציילט און געמאלן מיט אמתע, ווען אפילו אפט גרויע און טונקלע פארבן.

אין דעם ראמאן „די יידן פון בעלוויל“ (פארלאג „אויפסניי“, פאריז), שילדערט בנימין שלעווין נישט בלויז דאס לעבן פונם פאריזער יידישן ישוב „בעלוויל“ און „פלעצל“, נאר דער שרייבער מאלט א ברייט בילד פון דער גאנצער היסטארישער תקופה, אנגעהויבן ביים סוף פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ביים איבערברוך פונם יידישן לעבנסשטייגער אין די מזרח אייראפעאישע לענדער און ענדיקן מיטן היטלער חורבן, ביים סוף פון צווייטן וועלט קריג.

מען מוז באוואונדערן ווי דער שטילער באשיידענער און גוטמוטיגער ב. שלעווין פארמאגט דאס אזא שטרענג און שארף קינסטלער־אויג אויפצוכאפן און ציגעשטאלטן אזא גרויסע גאלערי פון פארשוינען און צימאלן זייער שווערן נאר צאפלדיקן לעבן אין אזא קלארן רעאליסטיש בילדערישן פראזע סטיל, אפט באגלאנצט מיט א פיינעם שטילן הומאר און תמיד פארבינדן אין הארציקן געפיל פונם דיכטער מיט זיינע לעבעדיקע פארשוינען, פול מיט שטימונג, פול מיט טרוימערישער דערהויבענקייט און פול מיט הארבער סאציאלער קריטיק, ווייל מיר האבן אין דעם געפילרייכן ראמאן די גאנצע טראגיק פון די אפט אונז זייער נאנטע און זייער סימפאטישע געשטאלטן פון די אימיגראנטן סביבות אין די פרעמדע גרויסע שטעט, אין די יידישע געסלעך פאריינען, קאפעס, פאלקסקיכן און ווארקשטאטלעך. גרופקעס מענטשן, „לאנדסלייט“ וואס האלטן זיך צוזאמען, ליידן ראנגלען זיך מיטן גורל, קעמפן מיט דער סביבה און פארלירן זיך נישט אפילו אין אזא וועלטמעטראפאלע ווי פאריז און בעיקר אין יענער תקופה פון יידישער וועלטעמיגראציע וואס האט געשאפן אומעטום, ישובים, געפרווט זיך אומעטום איינווארצלען און באצווינגען די פרעמדקייט.

דער ראמאן איז א רייך לעבעדיק בילד, אויף א ברייטן פאן, א ליטערארישער מאנומענט פון פאריזער יידישן ישוב, וואס איז געווען אזוי אייגנארטיק אין זיין עקזיסטענץ פארם. ער איז נעמלעך געווען לויט ב. שלעווינס פסיכאלאגישע שילדערונגען, א מין צאפלדיקער, אויסגעווארצלטער שטייגער המשך פון יידישן לעבן פון די „אלטע היימען“ בעיקר פון פוילן מיט זיין גאנצן ארעמען היימישליכן פארנעם און אימפעט. אבער אויך מיט זיין גאנצן

היימישן פרימיטיוון נאר שטארק אידעאליסטישן, יידיש רעוואלוציאנערן אויפברויז און סאציאלער קאמף באגייסטערונג, וואס א טייל פון די מער אינטיליגענטע און באוואוסטזיניקע יונגע מענטשן האבן מיטגעבראכט פון דארט פון דער „אלטער היים“. זיי האָבן אַ סך געליטן, שווער געארבעט און גוט געבידעוועט די יידישע עמיגראנטן אין פאריז, אין די ערשטע יארן, איידער זיי האבן זיך „אויסגעגרינט“. זיי האבן זיך קיינמאל נישט „איינגעלעבט“ אין דעם פּרעכטיקן פּאריז. פרעמדע זענען זיי פארבליבן דארט אין די ענגע טונקלע געסלעך פון „בעלוויל“ און דעם „פּלעצל“, תמיד פארהאוועטע ארעמע שטעפערס, „מארשאנעס“, „מאראקאנירס“, שניידערס, וואס פלעגן טאגטעגלעך אנקומען מיטן „גארדענאר“. תמיד פאריאגטע, „אומלעגאלע“, אן א גוט „צעטל“ און מיט א סך שלעכטע צעטלען, תמיד געדודפּטע פון פאליציי און דערשראקענע פארן אייגענעם שאטן. תמיד „אויסגעוויזענע און אויסבאהאלטענע“, ווערן זיי געפּלאגט פון ארבייטלאזיקייט און נויט. פארהארעוועטע, עלענטע מענטשן, זענען דאס געווען אין דעם פרייליכן פאריז, און דער וועלטמעטראפּאלע פון לוקסוס, רייכטום און רויש. גאר ווייניקע פון זיי האבן זיך „ארויפגעארבעט“ צו א בירגערלעכער עקזיסטענץ, ווי דער כאראקטער פּארשוין בעני גרינבערגער. כמעט אלע אנדערע די דזשעקס און יאשקעס און זשאקס, בלייבן ביי דער ניימאשין, ביי דער פאלקסקיך ביי „דער קולטורליגע“ און ביי די באריקאדן.

יא, פּאריז איז די קלאסישע וועלט שטאט פון רעוואלוציאנערן קאמף, פון שטרייקן, דעמאנסטראציעס און באריקאדן. זשאקל, א טיפּ פון א טייער, ערלעך, אינטעליגענט יידיש ארבייטער יונגעל, מיטן ארעמען אויפגעשטעלטן קעלנערל, איז תמיד דא אויף זיין קאמף פלאץ אין די ווארקשטאטן, אין די גאסן פון פאריז און נעבן אים, אויפן באריקאד, קעמפט אויך כעמיעלע, דער פרייליכער וואוילער יונג אויפגעכאוועט שוין אין דער הארעפּאשנער ארימקייט־סביבה פון די „בעלווילער“ ענגע געסלעך. אויף אלע באריקאדן האט זי באגייסטערט און געטריי געקעמפט אונזער אידעאליסטישע יידישע ארבעטער יוגנט ווייל אַזוי איז איר באנעם, איר נשמה און איר גורל.

בנימין שלעווין האט זי גוט אנגעקוקט און גוט באנעמען די יידישע מענטשן, באזונדער די יידישע ארבייטער יוגנט פון דער פּאריזער אימיגראציע אין יענער תקופה. די כאראקטערשילדערונגען, די פּסיכאלאגישע קאנפליקטן, סצענעס און בילדער פון זייער לעבן און פון זייער סאציאלן געראנגעל, וויקלען זיך אפּ מיט א רעאליסטישן אימפּעט, ביז אין דער צייט פונם היטלערקריג, ביז דער דייטשער אָקופּאציע פון פאריז, ביז דער טראגעדיע פון די יידישע דעפּארטאציעס אין די טויטלאגערן. דער אומקום פון בעני גרינבערג און זשאקלס מיליטערישע וואגלענישן, זיין געפאנגענשאפט ביי די דייטשן, וועמנס מפּלה ער לעבט איבער, זיין צוריקומען אין דעם באפרייטן פאריז, אנצוהייבן דאס לעבן און דעם קאמף אויפסניי, איז דער אויסקלאנג פון דער סאציאלער אידיי פון דעם ראָמאַן. ווייל בנימין שלעווין איז אַ דיכטער מיט אַ שטאַרקן



סאָציאַלן וועלט באנעם וואָס איז תמיד די הויפּט אידיי אין זיין בעלעטריסטישן שאַפן, און ווירקט מיט זיין אויפריכטיקן גייסט. אפשר איז אין אַזאַ ווערק ווי „די יידן פון בעלוועל“ היינט נישט מעגלעך קינסטלעריש צו שלייפן א יעדן זאץ און עקזאקט אויסצופירן א יעדעס בילד. זענען טאקע דעריבער דא א סך לייכטע שטעלן אין דעם ראמאן. אבער אפילו די גרינגסטע קאפּיטלען גיבן א וויכטיקע דערגאנצונג פון דעם ברייטן בילד וואס אונזער שטורמישע צייט האט ארויסגעהויבן.

אין בנימין שלעווינס בוך „די יידן פון בעלוויל“ האט דער פּאריזער יידישער ישוב באקומען זיין ווארט־קינסטלערישן אויסדרוק, וואס וועט פארבלייבן א וויכטיקער גייסטיקער ווערט אין דער רעאליסטישער יידישער ליטעראטור.

## הערש שישלער (יאָהאנעסבורג)

# נ. שמנ׳ס צושטייער פון דער סעריע פארשוואונדענע יידיש פערזענלעכקייטן אין פוילן

נ. שמן, „די ביאָגראַפיע פון אַ ווארשאווער רב“, אַרויסגעגעבן דורכן פארלאג: „דער קענעדער אדלער“, מאָנטרעאל.

נ. שמן איז אַ גוט באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער מיט אַ פעאיקער און זאַפטיקער פעדער. אַלע זיינע ביז איצטיקע דערשינענע ביכער זיינען מיט וויסנשאפטלעכער לומדישער בקיאות דורך אים געשריבן געוואָרן. נ. שמן איז אַ תושב אין טאָראָנטאָ, קאנאדע, ארבייט מיט אין דער דאָרטיקער יידישער פּרעסע. זיין איצטיק דערשינען בוך, אין אַ ביאָגראַפישע פאַרצייכנונג איבער הרב צבי יחזקאל מיכלזאן ז״ל, דער גוט באקאנטער ווארשאווער רב, וואָס האט ביזן חורבן פוילן פאַרנומען אַן אָנגעזען און חשובן ארט אין די אָרטאָדאָקסישע, ווי אויך קולטור־קרייזן פון וואַרשע און אנדערע שטעט אין פוילן.

ווען מען הויבט אָן לייענען נ. שמנ׳ס אַרבייט, די אנאליזירונגען וועגן הרב מיכלזאן, טרעפט מען זיך אָן אויף זייער אינטערעסאנטע און באַלערנדע שורות, דאַטן און טיפן, קהלות און פירער — פון אַ וועלט וואָס איז נישטא מער. אַ וועלט אַ יידיש־רעליגיעזע און קולטורעלע וואָס די היטלעריסטישע שלאַנג, האָט אָן רחמנות, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרווען אָפּגעווישט און פאַרניכטעט.

אין זיין פאָרוואָרט זאָגט דער מחבר צווישן אַנדערס: „עס איז געשטאַנען אַן אור־אַלטער וואַלד, מיט געדיכט איינגעדרייטע צווייגן און גרויסע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך געצויגן אַרויס פון דער פעטער ערד און זאפטיקן טוי... די מוראדיקסטע שטורעמס האָבן דעם וואַלד אַרויסגעריסן פון זיינע טיפענישן, אינאיינעם מיט די וואָרצלען“.

„מוזן מיר אָט דעם דור דערציילן, וועגן דעם דור פריער, וועגן די גדולי ישראל וואָס האָבן געוויטאָגט מיט די גרויסע ווייטאָגן פונם יידישן פאָלק, אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן גייסטיקע דערהויבנקייט, געמאכט עס נשמה׳־דיקער, הימלדיקער. אַריינגעבראַכט פרייד און פאַנטאַזיע, געזאַנג און עקזאל־טאציע".

און שמן דערציילט אונז טאַקע וועגן דעם, ער אַליין איז געווען אַ תלמיד פון הרב מיכלזאן, קען ער דעריבער דעם גאנצן יחוס זיינעם מיטן הייליקן אַרום. ער שילדערט פון וואָס פאַר אַ רבי׳אישע משפחות, הרב מיכלזאן שטאמט און גיט איבער זיינע שעפערישע אַרבייטן, אלס מחבר פון אַ גאנצע ריי חיבורים און ספרים, פון חסידישער און אגדה׳שער ליטעראַטור, און אז מיכלזאן איז אויך געווען אַ ליבהאָבער און זאַמלער פון די אוצרות פונם חסידישן פאָלקלאָר.

און דער מחבר פירט דאָ דעם לעזער איבער די זייטן פון זיין בוך, פירט אים אַריין אין אַ גאַלעריע פון בילדער און עפּיזאָדן, שטיקער געשיכטע פון יאָרהונדערטער וואָס ער האָט אוודאי דערויף געמוזט אָפּגעבן פיל צייט און מי, ביים פאָרשן און באַאַרבייטן זיי, וואָס דערגאנצן די ביאָגראַפישע שטריכן פון הרב מיכלזאן.

אַ גרויסע פערזענלעכקייט איז געווען אין ווארשע, אין דער גרעסטער יידישע קהילה פון אייראָפּע, הרב מיכלזאן, ווו ער האָט פארנומען דעם אמט אינם ווארשאווער ראבינאט נאָך פון יאָר תרפ"ב. ער איז געווען פון די עלט־סטע און בכבודיקסטע רבנים אין פוילן. דער מחבר ברענגט צום אויסדרוק פיל מאטעריאלן, וועגן דער שעפערישער שריפטשטעלערישער טעטיקייט פון דעם דערמאנטן וואַרשעווער רב, צו וועלכן ער באציט זיך מיט באַזונדערן יראת הכבוד.

צווישן אנדערעס דערציילט אונז נ. שמן, אַז „פארשידנארטיק איז געווען זיין (הרב מיכלזאנס) שאפן, רייך איז געווען די טעמאטיק פון זיין שרייבן ער האָט געשריבן הלכה, דרוש, מוסר, הכמת ישראל, היסטאָגראַפיע, מעשיות. געשריבן אין העראַאיש־רבנישער שפראַך — און אין יידיש פארן המון־עם, אין זינען געהאט אַפילו די פרוי, וואָס לייענט בלויז יידיש, אָדער דעם עברי־טייטש פון צאינה וראינה".

הרב מיכלזאן איז געווען אַ גוט הארציקער ייד, געווען אַ געזעלשאַפט־לעכער טוער, באפריינדעט מיט פיל יידישע שרייבער, אַ פאָלקסטימלעכער מענטש איז ער געווען, און באזונדערס האָט ער אויסגעדריקט זיין ליבע צו דער יידישער שפראַך, ער איז געווען אַ חובב יידיש.

נ. שמן ברענגט אַרויס די ריכטיקע געשטאלט פון יענע געשטאַלטן, פונם נאָענטן עבר, מיט דער ביאָגראַפישער אַרבייט זיינער וועגן אַ ווארשאווער רב, גיט ער אונז מער ווי ביאגראפישע שטריכן. זיין בוך איז אַ ווערטפולער צו־שטייער דער קולטור־היסטאָרישער פאָרשונג. דאָס בוך איז פארזען מיט פיל בילדער פון הרב מיכלזאן, דאָס רוב פון די בילדער זיינען גענומען געוואָרן



דורכן שריפטשטעלער אלתר קאַציזנע, וואָס איז טראגיש אומגעקומען דורך די נאַציס אין פוילן. אויך האָט דאָס בוך אַ פאָרוואָרט פון רעדאַקטאָר פון „קענעדער אדלער" — ישראל ראַבינאָוויטש.

פאראן אינם בוך אויך אַביסל שווערער לייען מאטעריאל, שוין צופיל פרטים מיט דעטאלן וואָס באַשווערן דאס לייענען, האט דער מחבר אַריינגע־געבן אין בוך, אָבער קיין חסרון איז דאָס געוויס נישט. עס איז אַלץ גוטער פאָרשונג מאטעריאל וואָס דער נ. שמן האָט געוואָלט דערמיט באַלייכטן די געשטאלט פון הרב מיכלזאן — און די געשטאַלטן פון יענער צייט—אַרום אים.

## זכריה הערשמאן

## הבל הבלים פון א היינטצייטיקן קוהלת

„אַ מאן האָט געלעבט אין דעם לאנד עוץ. ער איז געווען איינפאך און ערליך, גאָטספאָרכטיק, געמיטן דאָס שלעכטס א.א.וו.

איר קאָנט דאָך די געשיכטע פון איוב. די זעלביקע געשיכטע האָט זיך אויך אָפּגעשפיגלט ביי ל. נ. טאלסטאָין יאסנאיא פאליאנא. דעם אלטן טאָל־סטאָי איז אויך פלוצים געוואָרן אלץ אַרום פרעמד, עפּעס אַ פארבאָרגענע קרענק האָט אָנגעהויבן פרעסן זיין נשמה־לעבן.

וואָס איז מיט אים געשען, מיט׳ן פריצישן בעלעטריסט מיט אַ וועלט־נאָמען?

די שרעקליכע תשובה איז: גאָרנישט! גאָרנישט איז מיט אים געשען. ער האָט פלוצים דערזען דעם הבל הבלים אונטער די זאַכן.

אָט אזא קוהלת וויקעלט פאר אונז פונאַנדער דעם „הבל הבלים" אין אַ נייעם ספר׳ל וואָס האַלט בסך־הכל דריי דרוק־בויגן און טראָגט דעם מערק־ווירדיגן נאָמען „זהר ור ים", „נצנוצי מחשבה" פון אפרים טויבענהיוז.

אַ שמאָלן שפאלט עפנט דער מחבר לויפנדיק איבער איוב קוהלת, קאָנ־פוציוס, זאראטוסטרא, סאפאקלעס און וויליאם שעקספיר.

ער ווייזט דיר ווי די דאָזיקע גרויסע גייסטער האָבן אומברחמנותדיק אַריינגעקוקט אין דער לערקייט פון פוסטן חלל אין דער וועלט.

יאָ, דער אין־סוף איז אַן אומבאַשרייבליכער תהום. דו קענסט נישט אָפּ־ווענדען דעם בליק, ווייל ס׳שטראָמט עפּעס אַ חשכות איבערן תהום.

לויפט דער מחבר אַזוי ווייטער איבער דעם „מאלשטראם" פון עדגאר אללען פאָ, דער רייסנדיקער תהום פון פאסקאל ביז די טיפקייט פון חבד׳ער חסידות.

אַיאָ, ס׳שווינדעלט אַביסל אין קאָפּ, ביים וואַך־לאָמפּ פון פחד זיצסטו אַן איינגעבויגענער איבער די עסייען „דער פילאָסאָף און מקובל", „אויף די שפורען פונם איינזאַמען, סטרינדבערג: צווישן ספרים־הויפנס, אָבער נישטאָ קיין סימן פון לאַנד, קיין ווינקענדער פלאַם, נאָר הימעל און ים.

יעדער איינער פון אונז איז אין אַזאַ לאַגע — אַזוי באַטאָנט כסדר אפרים טויבענהויז אין זיין אקארשט דערשינענעם בוך „זהר ור ים“ אין זיינע עסייען וועגן קוהלת, איוב, אָמאַר קאַיאַם, אויגוסט סטרינדבערג און אַנדערע.

מיט טיפער צורודערונג זוכט דער מחבר פון דאָזיגען ספר, וואָס איז איצט אַרויס אין תל אביב אַן אחיזה און אַן אָנשפּאַר.

„אַ זון אין הימל שיינט,
זי האָט אַזוי געשיינט פאר סאפאקלעס
איז אין תהום פאַרזונקען —
אַוועק אין ווייטקייט שוין פון לאנג...

דער מחבר איז געבוירן און דערצויגן אין דער שטאָט פון די מקובלים צפת, דערשיינט ער אין דאָזיקן בוך אַ רעליגיעזער — משורר און גדאנקען־העפטער וואָס זוכט אַ סינטעז צווישן קבלה, חסידות און השכלה. ער שפינט ווייטער די אַמאָליקע פירושים פון זיינע זיידעס די גוטע יידן, נאָר אַנשטאָט די גמטריאות פונ׳ם „בעל הטורים“ גיט ער אונז נייע פירושים.

אין זיין עסיי „איוב“ באַטאָנט ער אַז איוב איז נישט דאָס ספר פון תרעומות וואָס מאָנט נאר גערעכטיקייט אינם סדר העולם, נאר איוב איז דער מאָנער פון אַ פתרון פאַר דער גרויסער חידה־וועלט.

אין זיינע עסייען וועגן „דיכטער און פילאָסאָף“, „דער דענקער און מקובל“, „דער פרוש און דער איינזאַמער“ ווייזט טויבענהויז ווי עס צעפאַלן זיך אין משך פון די צייטן די שיטות פון די פילאָסאָפען.

אָט לויפט פאר דיר אדורך דער הבל־הבלים פון קוהלת׳ן און אָט האָסטו אַ רעזיגנאַציע פון ליד:

„ווער בין איך, וואָס בין איך,
מענשנס קינד,
מיינע שיפן לויפן אויף ווינטן —
אדם — כ׳בין אַ מענטש“.

טויבענהויז איז איינגעטונקען אין טראַדיציע פון דורי דורות. ער איז אָבער נישט דער איינציקער רעליגיעזער שרייבער אין ישראל, איר געפינט רעליגיעזע מאָטיוועך ביי ש. שלום, ש. שמעונוביץ, ש. י. עגנון און יוסף צבי רימון.

„ווער בין איך?“ — פרעגט דער רעליגיעזער שרייבער און ענטפערט:
בלויז אַ זעגל־ווייס, וואָס שיפט זיך וווהין?
אין אינזלען ווייטע, אויף ימים אין ערגיץ ווו אין די מרחקים
גריס איך יעדן נאַכט־ברעג
אַ ליד איז יעדער טאָג מיד —
אין נגב אין הייסע חמסינען,
די פוס זינקט אין וואַרעמען זאַמד
בעת עס גייט אויף אויף ישראל
אַ פרימאָרגען פון דער גאולה“...



# שלמה אויערבאך

## די סאציאליסטישע קבוצות אין ארץ ישראל

„חתחתים בדרך“ לד. מאלץ. סיפורים מחיי הקבוצה“.

איבער די „קבוצה“ — די חלוציש־קומוניסטישע קבוצה אין ארץ ישראל איז פיל דעבאַטירט געוואָרן, — אויב זי קאָן האָבן אַ קיום, — אַ קליינינקע קאָמוניסטישע אינזעל אין אַ קאַפּיטאַליסטישן אַרום (ממש אזוי ווי אין אַ גרעסערן מאסשטאב, נאטירלעך, איז דעבאַטירט געוואָרן און עס ווערט נאָך עד היום דעבאטירט די עקזיסטענץ פון דער סאָוויעטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק אין דער מיט פונם ים הגדול פון קאפיטאליסטישע מדינות).

מיר האָבן אין העברעאיש אַ גרויסע פובליציסטישע־ליטעראַטור איבער די פּראָבלעמע פון קבוצה; עס ווערט דאָרט באהאנדלט די קבוצה פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און עטיש־סאָציאַליסטישער זייט. קינסטלעריש איז די קבוצה נישט פיל געשילדערט געווען. די סקיצעהאפטע דערציילונגען איבער דעם חלוץ לעבן אין דער קבוצה אין הפועל הצעיר, און אין אנדערע ארץ ישראל אויסגאַבן, ווי אויך אין פארשידענע אנטאָלאָגיעס, באַזונדערס פון דער זייער פלייסיקער ברכה חבס, האָבן געהאט דעם עיקר פּראָפּאַגאַנדיסטישע כוונות, און האָבן דעריבער קיין ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט. די חלוצים זענען דארט מייסטנס, לאקריצדיק ־זיסע פאפיר העלדן, וואָס געבן אָפּ לייב און לעבן פארן אידעאל, קיין קנאה שנאה צווישן זיי, עס הערשט דאָרט שלום ונחת, א.ז.וו.

אָט דעם קאזיונעם ארץ ישראל דערציילונגען האָט געמאכט אַ סוף עבר הדני שוין מיט זיין ערשטער גרויסער דערציילונג „צריף העץ“ (דער הילצערנע באראק) און אין זיין טעטראָלאָגיע (פיער חלקימדיקע דערציילונגען) „השלושה“. דאָ האָט עבר הדני אויפגענומען און באַשריבן דאָס חלוץ־לעבן אין ארץ ישראל נאָך ברענערס ריכטונג אין מכאן ומכאן און שכול וכשלון, נישט אידעאַליזירן, נאָר דעם ביטערסטן אמת, אַזוי ווי ער איז.

אָבער עבר הדני האָט דאָך דעם טראָפּ געשטעלט מער אויף די קבוצה, ווי אַזוי זי ווערט אויפגעבויט, איבערלעבט פילע מפלות, איבערפאַלן פון אַראַבער, און וואַקסט דאָך אַרויס פון האָלץ־באַראַק צו אַ אייביק־פעסטן בנין, צו אַ בנין עדי־עד. דער קבוצ׳ניק אָבער, די מענשן ווערן דאָרט באַשריבן דרך אגב. דארטן זענען יאָ פאַראַן לעבעדיקע מענטשן מיט אלע זייערע שוואַכקייטן. פילע פארלאזן די פּאָזיציע, אַנטלויפן פון דעם קבוץ און דעם לאַנד, צוריק אין דאָס פריוואַטע אייגן לעבן, אָבער דער קערן, דער „גרעין“ בלייבט, וואָס בויט ווייטער דאָס לאַנד, פארטרייבט דעם מדבר, בויט ווייטער די קבוצה...

ד. מאלץ אָבער אין זיינע דערציילונגען, שטעלט דעם טראָפּ בעיקר אויף די מענשן אין דער קבוצה. ער שילדערט ווי דער מענש, דער חלוץ וואָס איז געקומען

אָנגעפילט פון די בעסטע הייליקסטע אידעאַלן, לעבט אין אַ קאָמוניסטיש סאָציאַליסטישער אחדות, ווי אַזוי אָט דער מענש לעבט זיך דאָרט אויס. און ד. מאלץ, וואָס איז אַ היימישער אין דער קבוצה, איינער פון דער דריטער עליה, שוין אַ קנאַפּע דרייסיק יאָר איז ער אַ האמעטנער חבר פון אַ באַרימטער קבוצה (עין חרוד), איינער פון די גרינדער, ער איז נישט אַ מספר בגנותה, וואָס וויל דערציילן בגנותה (פון איר שאנד). ער איז נישט קיין בוגד, וואָס וויל מוציא דיבה זיין, און דאָך הייסט שוין דער דאָזיקער ספר זיינער „חתחתים בדרך" (שטרויכלונגען אויפן וועג). שוין זיין ערשטער ספר, אַ גרעסערע דערציילונג הייסט „מעגלות" (וועגן אָדער ריכטונגען, — מען קאָן נישט אין יידיש ריכטיק אונטערשיידן צווישן מעגל און דרך). אין מעגלות — האָבן מיר שוין אויך נישט איין וועג נאָר מעגלות — וועגן — אַ גרויסע התנגדות צווישן דעם אייגן לעבן, דעם פּריוואַטן פונם פּאָר פּאָלק, מנחם און נחמקה, און דער געמיינשאַפט פון דער קבוצה. מיר זען שוין דאָרטן, ווי אַזוי די הויפּט מצווה, די ערשטע מצווה, דאָס ערשטע געבאָט פון אַ קאָמוניסטישער קבוצה: גלייכהייט, ווערט גאָר קנאַפּ מקויים. נישט חלילה, בכוונה, איז מען עובר אויף די דאָזיקע מצווה, אָבער דערפאַר שוין ווייל פון נאַטור אויס זיינען די מענשן ניט גלייך. אַזוי ווערט איינער אַ „לא יוצלח'דיקער, גראַדע דער הויפּט העלד אַ „פקק", ד.ה. נישט קיין געשיקטער, מיט וועמען מען פאַרשטאָפּט אַלע לעכער... און איינער איז ווידער אַ „סוחב" — אַ פלייסיקער און אַ לאָווקער. (אין רוסלאַנד הייסט אַזאַ לאָווקער בחור אַ סטאַכאַנאָוועץ). איינער פילט זיך שפל'דיק, און דער אַנדערער איז גאָר גדולדיק... אין דעם ספר דערציילונגען „חתחתים בדרך", באַשעפטיקט זיך ד. מאלץ מייסטענס מיט די „לא יוצלח'ס", די וואָס בלייבן מחוץ למחנה. זיי קענען זיך נישט אַריינלעבן אינעם גוש, אינעם גאַנצן קאָמפּאַקטן כלל. אָדער ער איז שוואַך, אומגעשיקט, ווי גרשון פונעם סיפּור „רסוקות" (צוריסנקייט) וואָס די בלימינה, דער מעכאַנישער פעלזן באָרער, שפּרינגט אַרום ביי אים און טרעפט קיינמאָל נישט אינעם ריכטיקן פונקט, און מוז גאָר טון צוטרעגער אַרבייט, טראָגט שטיינער, ער מוטשעט זיך מער פון אַלע, און דאָך ווערט ער גערעכנט אַ „משתמט", אַ פויליאַק וואָס דרייט זיך אַוועק פון ריכטיקער עבודה. און גראַדע ער, פילט דעם חלוצישן געדאַנק מער פון אַלע, אַזוי אויך דער העלד פון סדקים, שפּאַלטן, און אויך אין „לידה". זיי זענען פול מיט רעפלעקסיעס, מיט טיפע עמאָציעס. איינער פון זיי ערגערט זיך איבער די מנהיגים, וואָס לאָזן אַוועק דעם עיקר „לגרש את השממה", פאַרטרייבן דעם מדבר פון לאַנד און פונם פאָלק, און קומען צו אַ גרויסן יאוש ווען זיי זען אַז דער אידעאַל פון פאַרטרייבן דעם מדבר איז ווייט, און די יידן זיינען אפשר גאָר נישט מסוגל דערצו. זייער קריטיק קומט פון אַ אָנגעווייטיקט הארץ און זיי בלייבן דרויסן... גיין נישט מיט מיטן כלל. דאָס זענען אַלץ ווערטפולע מענשן, צו צאַרט, מיט אַ צו רייכן אייגן לעבן אַז זיי זאָלן זיך קענען איינלעבן אין אַ דיסציפּלינירטער געמיינשאַפט. און זייער טרויעריק הערט זיך אין דער נאַכט־איינזאַמקייט אַן אָפּגעבראָכענער געזאַנג „הכוכבים



רימו אותי" (די שטערן האָבן מיך אָפּגענאַרט). אַזאַ אויסגעשטויסענער גייט אַרום שוין ווי אַ פרעמדער, אַן אָפּגעלאַכטער, און נאָך דעם בזיון וואָס מען האָט אים אָנגעטון, האָט ער ניט קיין איינציקן אייגענעם מענש פאַר וועמען ער קאָן זיין האַרץ אויסגיסן, נאָר אין די קאַלטע פינסטערע נאַכט, ווערט זיין איינזאַמער געוויין צונויפגעגאָסן מיטן געיאָמער פון די שאַקאַלן.

„גדולה הבדידות" (גרויס איז די איינזאַמקייט), שרייבט אַריין אין דעם אַלטן שוואַרץ געבונדענעם תנ"ך צוזאַמען מיטן טאָג פונם ברית, דער בעל ברית'ניק מאיר שאפּירא, אַ למדניש משכילישער מיוחסדיקער בחור פון פוילן. ער מיט זיין איינגעוואָרצלטער טיפער דורות'דיקע חסידישע יידישקייט, קאָן זיך נישט אויסלעבן גייסטיק אין דער אַלגעמיינער סביבה. ער איז נאָך אַלץ דער אידעלער משכיליש למדנישער יונגער מאַן, און ווען ער גייט אין דער שטאָט צום שפּיטאָל צום ברית, מיט די עטליכע דאַרע לעקעכלעך פאַר דער סעודה, אַליין, אָן אַן אייגענעם מענשן, עפּעס מיט אַ צופעליקן ספרדישן שמש פאַר אַ סנדק, פילן מיר זער טיף מיט אים זיינע טרויעריקע שורות וואָס ער שרייבט אַריין אין דעם היימישן תנ"ך (נאָך דעם אַלטן שטייגער אַריינשרייבן וויכטיקע דאַטן אין אַ ספר), ס'איז יאושדיקע שורות... בני, נולדת לדור אפל, נולדת ומסביב לך עינים אפלות, אין סבא וסבתא מאירים את פניהם לקראתך, אין סבא וסבתא עומדים חרדים לקראתך — — בקראם עליך: בדמיך חיי, — — כי הנה, בני, אצלנו גדולה העגמה וגדול היגון גדולה מאוד הבדידות (מיין זון, ביזט געבוירן געוואָרן אַ פאַרפינצטערטן דור. ס'קוקן דיך אָן פינצטערע אויגן, קיין זיידע און באָבע ווייזן דיר אַ ליכטיקן פריילעכן פנים, קיין זיידע און באָבע שטייען נישט ציטערנדיג איבער דיר און זאָגן נישט: „מיט דיין בלוט וועסטו לעבן", — — ביי אונז איז גרויסע טרויעריקייט, און גרויס איז דער אומעט, און זייער גרויס איז די איינזאַמקייט. — אַ פרעמדע,אומעטיקע, פאַרפינצטערטע וועלט, אָן זיידעס, אָן קרובה'שאַפט.

אָבער ניט נאָר אַזעלכע פאַרפיינערטע, אינדיווידועלע טיפּן בלייבן פאַראיינזאַמט, נישט נאָר די אומגעשיקטע אַרבעטער, ווי גרשון פון רסוקות, — פאַראיינזאַמט, אַ פאַריער, אַן עבד כנעני פון דעם קבוצה בלייבט אַברהמ'ל הרפתן פונם סיפּור „תן לישון" — לאָז שלאָפן! אַברהמ'ל דער שטאַל־מענש איז זייער אַ פלייסיקער אַרבעטער; ער איז אַ מעלקער זייט פיל יאָרן, וואָס איז אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה, זייער אַ וויכטיקער צווייג, אָבער ביים פאָרן זיך יאָר־איין יאָראויס מיט זיינע בהמות ווערט ער פאַר'בהמה'וועט, שטומפּיק, ער ווערט געוועקט פריער פון אַלע, עס ווערטאַים שטענדיק איבערגעריסן דער שלאָף, דעריבער גייט ער אַרום תמיד פאַרשלאָפן. ער שלאָפט ביים עסן, ביי פאַרזאַמלונגען, זיין גאַנצע נשמה איז פאַרשלאָפן. איינמאָל אין אַ פינסטערער אָסיענדיקער נאַכט ווערט ער פאַרבלאָנדזשעט און טרעפט נישט צו זיינע בהמות. שפּעטער ביים מעלקן, דערוואַכט אין אים דער אומעט און דער רחמנות איבער זיך, איבערז יינע אויסגעשטויסנקייט און וויינט אויף זיין ביי־

טערן מזל, אָנגעלענט זיין שווערן קאָפּ אויף דעם דיך פון דער מעלה־גרה׳דיקער בהמה... און דערנאָך... אבער איך וויל דא נישט איבערגעבן דעם תוכן. האָפּנטליך וועט זיך געפינען אַ מעגלעכקייט די דאָזיקע פשוטע און טיפזיניקע דערציילונג מיט אירע פסיכאלאָגישע דורכדרינגענישן און כאַראַקטער פאַרשטעלונג, דעם יידישן לייענער אַלץ גאנצעס איבערגעבן. דער טיפּ פון אברהמ׳ל איז נישט ניי אין אונזער ליטעראַטור. דער אויסגעשטויסענער, דער יוצא דופן בכלל איז גאָר אַן אָפטער און באליבטער טיפּ אין יעדער ליטעראַטור, בפרט ביי אונז, אַ ליטעראַטור פון צוריסענע יאושדיקע מענשן, פון אַ צוריסענעם יאושדיקן פאָלק. עס איז נאר ערשטוינלעך, אַז גראדע דער פלייסיקסטער און נויטווענדיקסטער חבר,—איז דער לעצטער אין אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטס געמיינשאפט.

אָבער פאַרלאָזענע, ארויסגעשטויסענע, מחוץ למחנה, זענען נישט נאר טיפּן פון עלטערן דור, די וואָס זיינען געקומען פון די גלות־לענדער מיט גרויסע האָפנונגען צו פארווירקליכן גרויסע אידעאלן און זען די ווירקלעכקייט ווייט פונם אידעאַל, נאָראויך די יוגענד, וואָס זענען ערשט פון דער שול געקומען אין די קבוצה, גאַנצעמענשן, אָן זכרונות פון אַן אַנדערן לעבנסשטייגער, זען מיר אויך אלס אַזעלכע טיפּן. דעם שוואַכלינג, דער דארנקען יונה, מיט זיינע טיפע צארטע געפילן, פאַר׳חלומ׳ט, נאָכדענקלעך איבער אַלץ, און זיין חבר פון דער שול, יצחק, דעם ברייט פלייצידיקן אכזריותדיקן בחור, וואָס קאָן פארמוטשן, הרג׳ענען, בלויז פאר תענוג. און אָט דער יונה בלייבט אויך אָפּהענדיק, אונבאהאָלפן. דער אכזריותדיקער, יצחק אָבער איז באַליבט און זיין אכזריות שטויסט נישט אָפּ פון אים די צארטע ווייך האַרציקע בנות חווה. דוקא להיפוך, עולם כמנהגו... ווי דער שטייגער איז. . . .

אויסטערליש איז די סצענע פונם דערשאסענעם שומר־הונט אין ־עם סיפור „יונה" גראד ווען ער האָט זיך געלאשעצעט און געלעכצט נאָך אַ ביסל וואַסער, דערשאסן פון היימישע מענשן, די קנאפּע שורות איבער דעם פחד וואָס כאַפּט אָן ביים אָנבליק פון דער פארגליווערטקייט אינם טויט פון אַ בעל חי, „פלצות האוחזת למראה־קיפאון שבמוות בעל־חי" — און דאָס לעצטע שברימ׳דיקע בילן פונם דערשאָסענעם הונט, וואָס ווערט מיט איינמאָל אין דער מיטן אָפּגעבראָכן, די דאָזיקע שורות זענען קלאסיש אין זייער פשוטקייט, און עמאָציאָנאלער טיפקייט; זיי דערמאָנען אין ענליכע באַשרייבונגען ביי די גאנץ גרויסע הומאניסטן פון דער וועלט ליטעראטור אַן א וויקטאָר הוגאָ, אדער אין ראסקאלניקאָוו׳ס מאויימדיקן חלום ביי דאסטאיעווסקי א.א. אין „יונה" דערגרייכט ד. מאלץ, אויך ארכיטעקטאניש, און סטיליסטיש די העכסטע מדרגה.

— זיין לשון, בכלל, איז פשוט, דייטליך, אָהן באַפּוצונגען מיט מליצות, אזוי ווי דער אמת פארדערט באשריבן צו ווערן: בלויז, ווי ער איז, — אין דער נאקעטער פשוטקייט איז זיין שיינקייט. — נאר „יונה" איז געשריבן מיט אַ מין באזונדערע וואַרמקייט, — און מען פילט דעם אימפעט שוין אינם



לשון, — ד. מאלץ, ווי שוין באמערקט זוכט נישט קיין מליצות, ער האט אויך קיין אויסטערלישע סיפור־המעשה, גארנישט אומגעווענטליכעס געשעט ביי אים אין זיין קבוצה, נאר דאס טאג־טעגליכע לעבן יעדער טאג מיט זיינע צרות, און ער באמיט זיך נאר אין א קלארן דייטליכן העברעאיש דאס אויסצודריקן. אבער דער לשון זעלבער באשענקט אים מיט אַ פערלדיקן אויסדרוק פון זיינע רייכע אוצרות. יידיש קאן מען נישט בריינגען פילע ביישפילן פון זאלכע פלוצומדיקע אומערוואַרטעטע פסוקים, ווי למשל, „אין אַ פינסטערער נאכט פילט דער שומר ממש ווי אזוי די ערד ציטערט אונטער זיינע פיס, ייש וירגיש — את הבלימה שכדור הארץ תלוי עליה" — מען פילט די ליידיקייט, די בלימה איבער וועלכער דער ערד קאלעך הענגט" און אזאָלכע פסוקים אומדערוואַרטעט, אומדערוואַרטעט פאר אונדז און אויך פאר דעם שרייבער, קאָן מען געפונען פילע אין דעם פשוטן ספר, בפרט אין די נאטור־באַשרייבונגען.

נאך די אלע טרויריגע סיפורים, איבער די ייאושדיקע טיפּן, די בעסטע אפשר, די ערליכסטע, די וואָס פילן אמטיפסטן די גרויסע אידעאלן און די נויטוענדיקייט פאר זייער פארווירקליכונג, ווייל עס איז נישטא קיין אנדער דרך, נאר דער דרך פון אחדות, פון א קומוניסטישער געמיינשאפט און ווי אַזוי ס׳ווערן גראדע אט די אויסגעשטויסן, זיי קענען זיך נישט איינלעבן אין דער קבוצה, נאר די אכזריותדיקע יצחק׳ס מיט די שטארקע פלייצעס... טרויעריקע מחשבות קומן: שוין זשע וועט אויך אין דער בעסערער וועלט, די וועלט פון אונדזערע ליכטיגסטע אידעאלען נאר די חוצפהדיקע בעלי־בת׳עווען די העכערע פיינערע נשמות, די גוטע און איידעלע וועלן בלייבן מחוץ מענשליכער הארמאניע?

און גרויסע קשיות וועלן ווערן געפרעגט פון אונזער דערציילער פון דער קבוצה: — אַ וואו זענען די אנדערע, די גוטע חברים, די אמת׳ע אויפבויער פון דער קבוצה, אַ וואו איז דער גוש די גאנצע חלוצישע קהילה; שוין זשע באשטייט דאס גאנצע אדער פון אומגעשיקטע, נישט פעהיגע טרוימער, מיט א פאר אכזריותדיקע חוצפה׳ניקעס, נישט מער? ווי אזוי איז בכלל מעגלעך אז די קבוצה זאל עקזיסטירן? — אויף די אלע קושיות גיט אונדז א ענטפער ד. מאלץ מיט זיין לעצטער דערציילונג: הקונצרט האחרון" דער לעצטער קאנצערט". דער בארימטער אָפּערן זינגער, וואָס מוז אזוי ווי אלע יידישע בארימטהייטן זיינע בארימטהייט פארלאזן — און — במקום די גרויסע ליכטיקן קאנצערט הייזער אין בארימטע שטעט, פאר אן אויסגעשטראצטן אוידעינץ — זינגען דא אין א פינסטערער באראק, פאר אט די חלוצישע רובאשקעס... אבער, גראד דא האט דער גרויסער קינסטלער זיין גרעסטן קינסטלערישן נצחון, גערעד דא האט ער באַוויזן ארויסצוזינגען, זיין טיפסטן איך, דאס סאמע אייגענע, דאס טיפסטע פון זיין יידישער נשמה...

אבער דער דאזיקער קאנצערט איז אויך אַ נצחון פארן אונז אלע, פאר דעם שרייבער און לייענער, און בפרט, פאר דעם חלוציש־קאמוניסטישן גע־

דאנק! מיר ווערן באַצויבערט פון דעם באַשרייבן פון אָנגעפילטן קיך־באַראַק, זייער קאָנצערטזאַל, מיר זען אין האלב־טונקל די בלישצנדע אויגן פון די אלע בחורים און מיידלעך, מיר זען זיי אלס גרויסע אחדות, נאכאיינמאל פאראייניקט אין אַ גרויסן געפיל, אין אן עונג רוחני. — און אט דאס פילט אונז מיט האפנונג, אז כאטש די אלע רייבענישן אלע די קליינליכע קנאה שנאה אין דער אויפבוי־צייט, — זענען זיי דאך די טרעגער פון א נייער וועלט, א וועלט פון סאציאליסטישער אחדות.

די „הורא“ נאכן קאנצערט, וואָס קומט שפּאנטאן פאראייניגט אין איין גוש, א גאנצער חברישער קאמפּאקט איז א נאטירליכער אויסגוס פון אט דעם גרויסן אחדות־געפיל. נאר די רעמיניסצענצן איבער די הורא, דאס דער־קלערן פון ד. מאלץ דעם טעם, די אינווייניגע „כוונה“ פון דעם חלוצישן טאנץ דערמאנט אונז אן די טעמים וואָס חסידישע שרייבער האבן אריינגעבן אין דעם „פרייליכס“ ביים רבין, און שטערט די גאנצקייט פון אָט דער שענער דערציילונג.

אַ חוץ די גרויסע סיפורים קומען נאך פארשיידענע קליינע רשימות פון וועלכע די בעסטע איז איבער א מאדערנעם ארץ־ישראלדיקן מנחם מענדל, און בפרט די רשימות „עם הילדים“.

ד. מאלץ באַשרייבט שען קינדער, פארטיפט זיך אין קינדער פסיכאלאגיע אבער זיי דערמאנען צופיל אן שופמאנס זוטות — פילאָזאָפיש־לירישע קלייניי־קייטן, איבער קינדער, דערמאנען אפילו אין דער אויסערער פארם, אין איבער־חזרן נאך שופמאנס מאניער — דעם לעצטן האלב פסוק. . . .

אגב, איז נישט אין גאנצן ריכטיק ד. מאלץ באמערקונג, ווען די נאר קליינע וואָס קאנען קוים שטיין אויף זייערע פיסלעך, בייסן זיך ארום מיט זייערע אקארשט געוואַקסענע צענדלעך איבער א שפּילצייג: „סעלי, סעלי“! — אַז „עם חלב האם ינקו“ מיט דער מוטער מילך האבן זיי אריינגעזויגט דעם דראנג צום באזיץ, צו קניין, — לויט מיינונגען פון אויטאריטעטן אין קינדער פסיכאלאגיע, איז דאס נאר דער חוש־הקיום, דער אינסטינקט פון זיך בא־הויפּטן אין לעבן, א חלק פונם קאמף פאר עקזיסטענץ.

בכלל איז דער ספר „חתחתים בדרך“ פון די גאר ווייניגע ספרים פון ארץ ישראל וואָס מען קאן לייענען מיט אן אמתן תענוג, און נישט נאר איינמאל, דערפאר וואָס דערוועקט פילע פּראבלעמען, לעבענסוויכטיקע פאר דער צוקונפט פון ארץ ישראל, פון דעם ארבעטענדיקן ארץ ישראל, און דערמיט אויך פאר דעם גאנצן פאלק ישראל. כן ירבו אַזאלכע ביכער!

„דער משפט“ פון מארים קאַץ
פּרייז 15 שילינג

צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16



ש. ערנסט (תל אביב)

## די פרייד פון יצירה

אויפן ראנד פונם „יאָרבוך“, אַרויסגעגעבן פון יידישן ביכער־ראַט, ניו יאָרק, תש״ט (1948־49)

אויף די חורבות פון יידישן גיהנום אין אייראָפּע, וואַקסט איצט אַרויס אַ גרויסער ווילן צו אַ ניי שעפעריש לעבן. די לעבן געבליבענע אין אייראָפּע גייען איבער צו אַ נייע עקאָנאָמישע פארוואָרצעלטקייט. מאסנווייז קומען איצט די פליטים פון די לאַגערן און פון די באלקאן־לענדער אין יידישן לאַנד אַריין. זיי ווילן דאָ געפינען אינם שיין פון אויפבוי פון מלכות ישראל, אַ היילונג פאַר זייער אָפּענעם וואונד. אַ פריי היימלאַנד מיט פיזישע זיכערקייט, און העלפן שאַפן נייע קולטור ווערטן.

פאַראלעל צו זיי וועבט זיך אויך דער פאָדים פון ליטעראַרישע יצירה בכל תפוצות ישראל און עס יאָגט באמת די פרייד פון שאַפן, בעת דו לייענסט דעם ניי דערשינענעם יאָרבוך „פונם עולם העשיה“ כאַפסטו אַ שפּאַציר אין דעם גאָרטן פון מחשבה און שירה, וואָס ווערט דיר עפּעס אַזוי היימיש. ס׳ווייזן זיך דיר פאר די אויגן טיפע וואָרצלען און ברייטע צווייגן פון אונזער קולטור פאַרמעג.

איצט איז שוין נישט אַזוי שכיח אויף דער יידישער גאַס דער „קורא ותיק“ וואָס קאָן פארכשופט ווערן פון לירישע שאַפונגען און וואָס פאַר אים איז געווען יעדער ניי דערשינענער בוך אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

ס׳איז אָבער נאָך אַלץ ביי אַלעמען טיף פארוואָרצלט די ליבע צום גוטן ספר, וואָס איז הומאַניסטיש אין תוך און רעגט אויף שטימונגען און געפילן לייי־ענענדיק.

ווי אין אַ זיסן חלום פאַרוויגט דיך דאָ מלך ראַוויטש אין זיין איבערבליק וועגן דער יידישער ליטעראַטור פארן לעצטן יאָר. די נייע פרק אויסגאַבע וויקלט פאר דיר פונאַנדער פונסניי זיין גרויסע באַצויברנדע פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען דער פרילינג פון דער יידישער ליטעראַטור און וואָס ס׳האָט צובליט נאָך אים דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון שלום־אַש, דער אייביק יונגער יידישער גרויס ראָמאַניסט וואָס זיין ניי דערשינענער בוך „איסט ריווער“ איז אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון ייד און קריסט און איז אויך אַ קוועאַגיט פון דעם מעכטיקן יידישן אויפשוואונג אין אַמעריקע.

אין דער דיכטונג ווייזט דיר ב. י. ביאַלאסטאצקי יוסף ראַלניקן, דעם בן שבעים, אַן אינטימער דיכטער מיט אַ שטיל קול, וואָס פאַרכאַפּט מיט זיין תפילה׳דיקע השתפכות־הנפש.

ס׳באַגריסט הארציק ל. פיינבערג דעם 70־טן יובילייי פונם דיכטער ה. רויזענבלאַט, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם בראשית פון דער לירישער יידישער דיכטונג אויפן אַמעריקאַנער באָדן, שילדערנדיק די עפּיש־גבורה׳דיקע האַנט און די ליכטיקע פרייד פון די ערשטע יידישע איינוואַנדערער, ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוצופּאַסן צו זייער טייער היים אין אַמעריקע. און צום 10־טן

יאָרצייט פונם אומפאַרגעסלעכן דיכטער א. ליעסין, דרוקט דאָ ש. זינגער אַן אַרבעט וועגן א. ליעסינ׳ס ערשטע לידער, אָנווייזנדיק ווי ליעסין האָט שוין דאַן געפּרובט זיין פעדער אויף אַלע געביטן, האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסקריסטאַליזירט אַלס אַ זוכנדיקער און פאָרשנדיקער גייסט, וואָס האָט באַפּליגלט אַ דור מיט זיין שיינע נאַציאָנאַלע קידוש השם־פּאָעזיע, וואָס איז ווי דער פּיוט פון די גרויסע פּייטנים געוואָרן איינגעפּיילט אין דער „משבצת־היצירה“ פון אונזער ליטעראַטור.

יודל מארק אין זיין אַרטיקל „דער דראַנג צו די אַלטע קוואַלן“ באַרירט דאָ דעם שפע פון איבערזעצונגען פון העברעאיש אויף יידיש. ס׳איז דעם לעצטן יאָר דערגענצט געוואָרן און דערשינען די פּרעכטיקע משנה־איבערזעצונג פון שמחה פּיעטרושקא. י. י. שוואַרץ האָט ווייטער אונז כסדר באַרייכערט מיט זיינע הערלעכע איבערזעצונגען פון די גרויסע פּאָעטן פון שפּאַניע און מרדכי יפה מיט זיינע פּרעכטיקע איבערזעצונגען פון די ניי־מאָדערנע העברעאישע דיכטער י. צ. רימון, נתן אלטערמאַן, א. שליאנסקי, פון מדרשים און אגדות האָט פאַרענדיקט ב. י. ביאלאסטאצקי אַ ווערק „פון גלות בבל ביז רוים“, אַ בוך פון 400 זייטן מיט מדרשים און י. י. שוואַרץ אַ בוך אגדתות וואָס האָבן אַ שייכות מיטן לעבן פון משה רבינו און דערצו דער „ספר השבת“ פון י. י. שוואַרץ, וואָס דערמאָנט אונז אָן דעם אַמאָליקן שבת אין אונזער אלטער היים, ווען דער גלאַנץ פון די שבת ליכט און פון ווייסן טישטוך, מיטן גלאַנץ פון די ריינע זילבערנע לייכטער, האָבן אַזוי אַמאָל פאַרשיינט אונזער לעבן.

אין דער העברעאישער אָפּטיילונג וואָיעט אויף אונז אויך אַ ווינט פון יצירה, וואָס ווייזט אַז אויך דאָס שאַפן אין העברעאיש שלאָגט טיפע וואָרצלען אויפן אמעריקאנער באָדן. ס׳איז פאַרן לעצטן יאָר אַרויס דאָס לידער־בוך „אַ מענש אויף גאָט׳ס וועלט“ (אדם על אדמות) פון אפרים א. ליסיצקי, וואָס ענטהאַלט צען פּאָעמעס און אידיליעס. ליסיצקי מיט זיין אָריגינאַליטעט האָט שטענדיק צושאָטן פּערל און זיינע פּאָעמעס זענען באַ׳חנ״ט און האַרציק פאַרוועבט אין דער ניי העברעאישער דיכטונג.

די העברעאישע ניי דערשינענע דערציילונגען פון ה. סעקלער, וואָס איז אַזוי שיין אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „עוגן“ ענטהאלטן זיינע פּרעכטיקע געשיכטעס „חוני המעגל“, „הצור תמים פעלו“, און אַנדערע וואָס פאַרפּלייצן דעם לעזער מיט ליכט פון אַמאָליקע דורות און דער נייער באַנד פון דניאל פּערסקי׳ס כתבים „עברי אנכי“ דערוועקט אַ טיף יידיש געפיל מיט זיין גרויסע אהבת נפש צו העברעאיש.

מ׳קען אויך נישט אַדורכגיין גלייכגילטיק אויף דער בריוו זאמלונג „בריוו פון העברעאישע שרייבער (אגדות סופרים עברים), וואס דער באקאנטער מעצענאט ישראל מץ האָט מיט אַזאַ מסירות נפש געזאַמעלט. פון די דאָזיקע בריוו שפּיגלט זיך אָפּ דער מצב פון דער העברעאישער ליטעראטור פאר דער לעצטער תקופה. ס׳לויפן אַדורך פאר די אויגן אַ ריי שרייבער און דיכטער, מיט זייער עלנטקייט אין די גרויסע שטעדט. פּשוטע בריוו, אָבער זיי וואַרפן אַ



ליכט אויף פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען געווען פאַרוואָרצלט אינם ליטעראַרישן לעבן פון דער ציוניסטיש־העברעאישער וועלט, פאַרזאָרגער פון דער יידישער וויסנשאַפט, הכמת ישראל ווייזן זיך דיר ווי זיי לעבן זיך אויס אין זייער סביבה און אין זייער אייגענע קרייזן, און דער מאטעריאל איז זער באַלערנד.

יאָר אויס, יאָר איין קומט דער דאָזיקער יאָר־בוך, ווי אַן איבערראַשונג. אַ קאָלירפול בילד דערלאַנגט ער אונז פון יידישן שאַפן, אַ קוואַל וואָס שלאָגט אָן אויפהער מיט נייע זאַפטן.

אינם שיין פון דער פאַרווירקליכונג פון אַ יאָר טויזנדיקן אלטן גאולה־חלום אין מדינת ישראל, באַקומט דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט זיין גרויסע אויפגאבע אין דער דערציאונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אַלס קינדער פון „עם־הספר“ האָט דאָך דער ספר דעם ייד באַגלייט אויף זיין לאַנגען וואַנדערוועג אין דער פינסטערער גלות־נאַכט, דאַרף ער דאָך אונז ווייטער באַגלייטן בעת אונזער רענעסאנס דערוואַכונג, מיר מוזן דאָך ווייטער שפּינען דעם פאָדים פון יצירה וואָס ברענגט צום אויסדרוק פרייד און לייד, צער און צאָרן, פּיין און התלהבות, וואָס וואַרימט אין די טיפקייטן פון אונזער פאָלק. אָט פאַר וואָס ס׳איז אונז אַזוי טייער און ליב דאָס יאָרבוך וואָס רעגיסטרירט אונזער גייסטיקן פאָרוועג.

## אפרים טויבענהויז

# די טראַגישע לעבנס-געשיכטע פון דער באַרימטער דיכטערין אלישבע

(וואָס איז ערשט נישט לאַנג געשטאַרבן עלענט און איינזאם אין ישראל)

אַ דיכטערין פול מיט טראַגישער צעשליטערטקייט — דאָס איז געווען די פאַרשטאָרבענע דיכטערין אלישבע. תפילה׳דיקייט פון נישט דערזאָגטן און עפּעס אַ וויגן זיך אויף די לייכטע פליגלען פון ליכט און שאָטן — דאָס איז געווען איהר אייגנאַרט.

דאס לעבן איז אַ רעטעניש, און אויך איר סוף איז אויך געווען רעטזעלהאפט. אָט, ווערט זי פארוואנדעלט צוריק אין אַ ווידערשפּעניקע, זי, די איידעלע פרוי, וואָס האָט פארלאָזן אַזאַ שיינע גרויסע וועלט און באהאָפטן איר גורל מיטן שיקזאל פון דער יידישער אומה.

זי איז פון אָנהויב אָן געווען די פּאָעטין פון רעליגיעזן עקסטאז, פון דבקות, וואָס זוכט גאָט אין יעדן טרער, אין יעדן שמערץ, אין יעדער סטיכיע פון דער נאַטור, ווי אין גורל פון מענטש און וועלט.

איר וועג איז געווען דער שטורם. מיט דראנג ווערט זי פארכאַפּט פון דעם שיינעם יידיש־רעליגיעזן לעבן, נאָך מיידלווייז. זי הויבט זיך אָן צו לערנען די שפּראַך אויף די העברעאישע אָוונט־קורסן פון „חובבי שפת עבר“ אין מאסקווע. און די שפּראַך איז פאר איר אַ ניט־אויסשעפּנדער אוצר פאר איר פּאָעטישער נשמה. זי האָט אַ שטאַרקן דראנג צו קענען די יידישע און די הע־

ברעאישע ליטעראטור. נאָך אינטענסיווע גרינדליכע באמיאונגען געלינגט איר גלענצענד צו דערווערבן די העברעאישע שפּראַך. זי הויבט אָן איבערזעצן אין רוסיש פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור: דערציילונגען און לידער פון נאמבערג, אנכי, ר׳ יהודה הלוי. די איבערזעצונגען האבן זיך געדרוקט אין די חשוב׳סטע רוסישע זשורנאַלן.

ס׳איז אינטערעסאנט, אַז דוקא אזעלכע וואָס שטאמען פון פויערים טוליען זיך צו צום יידישן פאָלק. דו טרעפסט אין ישראל זייער אַ סך גרים, וואָס זיינען געוועזן פויערים אין רוסלאנד און אין קאווקאז. אויך אלישבע איז געבוירן ביי דער וואָלגא, וואָס האט שוין אַרויסגעגעבן אַ סך גרים. איר פאטער איז געוועזן אַ „נאראדניק״, געעפנט אין ריאזאן אַ פערלאג פון ביכער פארן ברייטן פאָלק, זייענדיק דורכגעדרונגען מיט פּראָגרעסיוו־ליבעראלע אידעען, באַמיט ער זיך מיט אלע כוחות צו דערציען די ברייטע שיכטן פון המון. דער מזל דינט אים אויך אין דעם געשעפט — און ווערט היפש רייך. די פרוי זיינע איז גראד אַן אירלענדערין פון די אריבערגעוואַנדערטע פאַמיליעס דעמאָלט פון ענגלאנד. אין יענער צייט איז שטארק אין דער מאָדע געווען אין די הויך אַריסטאָקראַטישע ספערן צו האלטן ביי זיך פאר די קינדער ענגלישע דערציערינס. צו דריי יאָר פאַרלירט יעליזאוועטא — די צוקונפטיקע העברעאישע דיכטערין אלישבע — איר יונגע מוטער אויף אייביק. אלס קליינע יתומה קומט איר אויס צוערשט זיך צו דערציען ביים פאָטער אין ריאזאן — אָבער דערנאָך שיקט מען איר איבער צו אַ מומען אין מאָסקווע, ווו זי האָט געקראָגן אַן עכט ענגלישע דערציאונג.

די יונגע יעליזאוועטא ענדיקט אין מאָסקווע די מיידל־גימנאַזיע מיט אַן אויסצייכנונג פון אַ גאָלדענעם מעדאל. דאן גייט זי איבער אויף די פּעדאָגאָגישע קורסן ביי דעם פעראיין פון לערערינס און פרעבעליסטקעס.

אלישבע איז שטארק אונטערן איינפלוס פון דער יידישער נאַציאָנאַלער רענעסאנס, פון דעראויפוואַכונג פון ציוניסטישן געדאנק. בעת דער וועלט־מלחמה, ווען יידישע פליכטלינגע קומען זיך צונויף אין ריאזאן, האָט די דיכטערין אלישבע שטארק זיך איבערגעגעבן פאר דער דערציאונג פון די יידישע קינדער. זי אראנזשירט קורסן, ווו זי לערנט מיט זיי העברעאיש און תנ״ך. דאָס פארשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך איז ביי איר געווען ווי אַ מיסיע, און זי אליין לעבט זיך דיכטעריש אויס אין דעם אונאויסשעפליכן אוצר פון העברעאישן קוואַל.

אירע ערשטע שירים האָט זי געדרוקט אין 13־טן באנד פון „התקופה״. פון דעמאָלט אָן דרוקן זיך אירע שירים אין אַלע ערנסטע העברעאישע אויסגאבן. זיצנדיק אין הארץ פון רוסלאַנד — אין מאסקווע — האט זי דארט געקליבן יידישע פערל־שאַפונגען און זיי איבערזעצט אין רוסיש און שפעטער איבערזעצט זי אלעקסאנדר בלאָק׳ס לידער אין העברעאיש. נאכהער, ווען זי איז געקומען קיין ארץ ישראל, נעמט זי אַ לעבהאַפטן אנטייל אין דער פרייד און לייד פון ישוב.



איהר פרויען־נשמה און איר אייגנארטיקער ארט אין אונזער נייער
פּאָעזיע פון ישראל

„צו חצות, אין דערשטילקייט פון דער נאַכט לייג איך מיין גליענדיקן
שטערן ביי דער אלטער וואנט.
און דאָ, ביים כותל מערבי, פיל איך, אַז איך בין אַ ווייטער זעגל
אויף ווייטע ים׳ען —
פאַרנעם איך דאָ, דעם רויש פון די פליגל פון דער שכינה — — —״

אין די דאָזיקע פאָר שורות הערן מיר דעם קול מיטן ניגון פון די דאָזיקע גר׳קע, וואָס איז אַזוי וויזיאָניסטיש אין אירע לידער.

די יונגע העברעאישע מאָדערנע פּאָעזיע איז בכלל קארג אין פרויען־דיכטערינס. אלישבע איז איינע פון די געציילטע, וועלכע קומט אַרויס מיט איר אייגנאַרטיק וואָרט. די אָריגינאַליטעט אירע איז זיכער צוליב דעם, וואָס איר אורשפרונג איז ניט קיין יידישער. די ביז איצטיקע העברעאישע דיכטער קומען דער עיקר אַרויס פון בית המדרש און ישיבה, באַלאָדן מיט אַ באַגאַזש פון יידיש־גייסטיקער ירושה. די דיכטערין אלישבע קומט צו אונז מיטן חלום פון דער ברייטער סטעפּישער רוסלאנד, מיט דער קלאַסישער רואיקייט פון רואיגן ענגלענדער. מען געפינט אין איר דאָס טיף רירנדיקייט פון אייראָפּעאישן מענש. דעריבער איז איר דיכטונג ניי פאר אונז, פריש פאר אונזער גייסט, פאַר אונזערע אומרואיקע בלוטן.

ס׳איז מיר אונמעגלעך צו פארענדיקן דעם ארטיקל און נישט צו דערמאָנען דעם סקאַנדאַל אַרום איר פריצייטיקן טויט.

פונקט אַזוי ווי ביי די גויים האָבן יידן וואָס האָבן זיך גע׳שמד׳ט געמאַכט גרויסע קאריערעס, אַזוי האָבן גרים, אומגעקערט ביי יידן, אַ סך מאָל אָפּגעשוואַרצט זייער ביסל יאָרן.

די מימרא פון די חז״ל „קשים גרים לישראל כספחת״ איז קענטיק אויך מקויים געוואָרן ביי די פאַרשטאָרבענע דיכטערין. זי איז געשטאָרבן עלנט און פארלאָזן, איינזאַם, און אונזערע אנשטאלטן און „גוטהארציקע מענשן״ זאָל צו איר ברענגען אַ גלח, ווייל זי וויל נישט זיין אין כלל ישראל. און זי האָבן זיך צו איר אַזוי געמיין באַצויגן, אַז פארן טויט האָט זי געבעטן אַז מען האָט פארלאנגט פון ברוך קרופניק, רעדאַקטאָר פון דער ענציקלאָפּעדיע פאַר ליטעראַטור, אַז ער זאָל אין דער קומענדער ביילאַגע אויסמעקן, אַז זי איז געוואָרן אַ יידישקע.

ווער איז געווען די דאָזיקע גר׳קע, וואָס איז אַוועק פון איר פאָלק, פון איר גאָט און האָט פארשטויסן פון זיך די ברייטע וועלט און שפּעטער האָט איר די יידישע אומה אין דעם ניי־אויפגייענדיקן לאנד פון ישראל דערפאַר באַצאָלט מיט שטיינער פאר׳ן באריירכערן די העברעאישע ליטעראַטור, פאר׳ן שטייען ביים יידישן באלעמער און זינגען יידיש־האַרציקע תפילות און ארומפאָרן איבער יידישע שטעט אין פוילן און גאליציען, כדי אויפצוועקן יידן צו עבודת הבורא, פאַר אַרבייט פאַר ארץ ישראל?

אַז איר וועט ווייטער לייענען איר לעבנס געשיכטע וועט זיך אייך פאַרלויפן פון אַ טרער, וואָס איר וועט מוזן פאַרגיסן און אַנטייל נעמען אין איר טראַגישן גורל אויף אירע עלטערע יאָרן, בעת זי איז געבליבן אַן אלמנה און האָט אין עלנט זיך געוואַלגערט אין אַ באַראַק אַ הילצערנעם, אין דער שכונות מאָנטעפיאָרע, דאָ, אין סאמע מיטן פון דער ערשטער יידישער שטאָט, האָט זי געצאנקט ווי אַ ליכט און עס איז נישט געווען קיין סוד פאַר די פילע „עוסקים בצרכי ציבור“, וואָס האָבן נישט געפונען קיין נויטיקייט, צו וואַרפן אַ ביינדל פאַר דער אָרימער גר׳קע, און זאָל עס כאָטש זיין אַלס האָנאָראַר פון די „קרן קימת צייטונגען“ אָדער אין אַן אַנדער פאָרם.

---

חרותי (געטינגען)

## אויף די חורבות פון יידיש-לעבן אין נידערזאַקסן
(קאָרעספּאָנדענץ)

...דאָס לאַנד נידערזאַקסן האָט אַן אָפיציעלע יידישע געשיכטע פון טויזנט יאָר. די עלטסטע יידישע זידלונג איז געווען אין דודערשטאַדט, וואָס ליגט היינט האַרט ביי דער גרעניץ פון דער רוסישער זאָנע, און ווו עס זיינען היינט נישטאָ קיין יידן. נאָך דודערשטאַדט קומען געשיכטלעך הילדעסהיים און האַמעלן, די לעצטע באַקאַנט געוואָרן דורך גליקל פון האַמעלן, וואָס איז דאָרט אַהינגעקומען אַלס שנור, און וואָס איז שפּעטער מיט שווער און שוויגער אויסגעוואַנדערט נאָך דער פריישטאַט האַמבורג. זיי האָבן דאָרט געגרינדעט די יידישע קהלה האַמבורג, ווו גליקל האָט שפּעטער געשריבן אירע באַרימטע זכרונות.

די הויפּטשטאָט פון נידערזאַקסן, האַנאָווער, האָט הונדערטער יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן. אָט אין דער שטאָט וווינען היינט נאָך עטליכע הונדערט יידישע נפשות, אָרגאַניזירט אין אַ יידישער קהלה. דאָס זיינען דייטשן יידן. עס עקזיסטירט דאָרט אַ יידישער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אָנגעשלאָסן די לאַגער־איינוווינער פון דער שארית הפליטה. אויסער צעלע — האַנאָווער באַשטייען דאָרט גאַנץ קליינע יידישע פּונקטן, וועמענס צאָל ס׳איז צוליב פאַרשידענע טעמים שווער פעסטצושטעלן. אַלע די יידן פון דער בריטישער זאָנע, אין וועלכער עס איז אויך איינגעשלאָסן דער באַצירק נידערזאַקסן, ווי אויך די פרייע שטאַט־רעפּובליקן האַמבורג און ברעמען (די לעצטע איז אונטער אַמעריקאַנישער אָקופּאַציע) זיינען אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס געפינט זיך אין בעלזן. חוץ דעם עקזיסטירט נאָך אַ מין ועד פון יידישע קהלות (ראַט דער יידישן געמיינדען). טעטיק איז אויך דער „דזשאָינט“.

גטעינגען, די צוויי הונדערט יעריקע אוניווערזיטעטס־שטאָט, ציילט איר יידישע געשיכטע פון 1289. דאָ האָבן די יידן ביז צום אָפּמאַרש פון די חיילות



פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן מיטגעמאכט פאַרשידענע צייטן. נאָך די פרייהייטסעדיקטן זיינען דאָ אהערגעקומען יידישע סטודענטן צום שטודירן, צווישן זיי די לאָנדאָנער ראָטשילדס, היינריך היינע און אַנדערע. נאָכדעם האָבן אין די שפּעטערע יאָרן דאָ געווירקט יידישע פּראָפעסאָרן, — אין דער צאָל 82 — צווישן זיי צוויי פרויען, פון וועלכע איינע לעבט נאָך היינט אין טבריה. די דאָזיקע יידישע פּראָפעסאָרן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס וויסנשאַפטלער מיט אַ נאָמען אין דער וועלט. אַ סך פון זיי האָבן געגלויבט, אַז דער באַוואוסטער „איבערטריט“ (שמד בלע״ז, דער איבערזעצער) וועט לעזן זייער פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע פּראַגע.

פון די 600 נפשות פון אַמאָל אין דער יידישער קהלה געטינגען קען מען טיילמאָל קוים צונויפשטעלן אַ מנין, חוץ ווען מען רעכענט צו די דייטשע מענער וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט יידישע פרויען, און וואָס קומען אויך רעגלמעסיק צו יידישע פאַראַנשטאַלטונגען. געטינגען געהערט היינט צו די וויניקע שטעט אין אייראָפּע ווו עס איז דורך אַ גינסטיקן צופאַל געלונגען צו באַהאַלטן יידישע קולטור־ווערטן, צווישן זיי די יידן־אַקטן פון די יאָרן 1289 ביז 1848 אינעם שטאַטישן אַרכיוו, צוויי זאמלונגען פון העברעאישע מאַנוסקריפּטן אין דער אוניווערסיטעט גופא, געצייכנט מיט די נעמען פון די אָריענטאַליסטן מיכאַליס און לעגאַרדע *. דער לעצטער, אַ געלערנטע מיט אַ גרויסן נאָמען, איז געווען נישט קיין קליינער אַנטיסעמיטישער פּאַמפלעטיסט, און טעטיק, ווען היטלער ימח שמו איז נאָך געלעגן אין דיווינדלען. אין דער אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק געפינט זיך אינעם „קאַטאַלאָג ראַביניקום העברייאיקום“ אַ גרויסע צאָל פון תלמודישע און וועלטלעכע ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן. אינעם שטאָטישן מוזעאום געפינט זיך דער טיש פון היינריך היינע, אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט, אַן אָריגינעלער דאַנקבריף צו אַ יידישן געלערנטן הענלע, אויך אַ גרויסע צאָל פון אינטערעסאַנטע יידישע חפצים און זאַכן, (די איינציקע און איינציקאַרטיקע אין דער וועלט) וואָס זיינען פון גרויס באַדייטונג פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע. חוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַ זאַמלונג פון גאַרטעלן (וויקעלן) פאַר ספרי תורה, אַ יידישע וואַנדער־אויסשטעלונג, וואָס באַזיצט אַ רייכע זאַמלונג פון קונסט און קולטוס־חפצים, דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס וכו׳. אָנגעשלאָסן אין דער יידישער וואַנדער־אויסשטעלונג (אָפּגעקירצט ייוואָ) איז אויך דער איינציקער יידישער ביכער־פאַרלאַג פון דייטשלאַנד. דער דאָזיקער האָט גראַד אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פון אַ טרילאָגיע פון צבי האָראָוויץ. ווייטער נאָך געפינט זיך ביי דער

---

* באַמערקונג פונם איבערזעצער : דער אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָדענץ דערמאָנטער לעגאַרדע איז מסתמא פּאול דע לאַגאַרד, מחבר פון „דייטשער גלויבן, דייטש פאָטערלאַנד“, וואָס, כאָטש זיין ריין־פראַנצויזישן נאָמען, איז געווען אַ שטאַרקער דייטשער נאַציאָנאַליסט, אַ „קלאַסיקער“ פון דער געררמאַנישער ראַסן־טעאָריע און זיידע פונם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם. א. פּ.

ייוואַ אַ גרויסע צוריקגעלאָזטע זאַמלונג פונם באַרימטן מאלער הערמאַן הירש.

אין אַלגעמיין האַלט דאָס יידישע לעבן, וואָס עקזיסטירט דאָ מיט שרייענדיקע אינסטיטוציעס, ביים אונטערגאַנג. קליינע פונקטען מיט איינצעלנע יידן, וואָס באמיען זיך צו רעסטאָווירן די בתי הקברות, שטעלן פרישע מצבות. עס דערשיינט אַ יידיש געמיינדע־בלאַט אין דיסעלדאָרף. עס איז דאָ אַ ראַבינער (מסתמא ראבינער און נישט רב. — דער איבערזעצער) אין האַמבורג און אין אַן אָרטאָדאָקסיש ראַבינאַט אין בעלזן. דאָרט דערשיינט אויך מיט אונטערברעכונגען אַ יידישע צייטונג, דער זשורנאַל „אונזער שטימע". (בכלל איז די דאָזיקע צייטונג זייער אַפּאָלאָגעטיש). ווייטער דערשיינט דאָרט אַ ליטעראַרישע צייטשריפט (דריי נומערן „צייטן") אונטער דער רעדאַקציע פון די דיכטער גוטהמאן און ראָזענפעלד. אויסער דעם זיינען דערשינען צייט־מאָטיוון־ליטעראַטור („שטיל ווי אין רייוויק"), ווי אויך פּאַרטיי־צייטונגען וואָס געהערן שוין צום עבר. דאָס יידישע לעבן איז „שטיל ווי אין רייוויק". מיר האָבן אויך דאָ יידישע סוחרים, וואָס האָבן געבילדעט אַן אייגענעם פאַרבאַנד, אויך עטליכע אַדוואָקאַטן, קליינע יידישע קהלות מיט „פּאָקעט־יידן", וואָס קריגן זיך אַרום און פירן מחלוקות וועגן פּעקלעך און כבודים. דער לעצטער שלאַגער פון מחלוקות אין די יידישע געמיינדע פון דייטשלאַנד איז די נאָך נישט געבוירענע זאַך, וואָס רופט זיך „ווידערגוטמאַכונג" — רעסטיטוציע. אין בעלזן איז אויך געווען אַ יידישע טרופּע, וואָס איז אויפגעטראָטן אין אויסלאַנד אַלס „קאַצעט־טעאַטער". נאָך די שפּאָרלעכע דערפאָלגען איז די דאָזיקע טרופּע זיך פונאַנדערגעגאַנגען. צום סוף האָט אויך עקזיסטירט אַ שרייבער גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַט קאָנסטיטואירט אויף אַ קאָנגרעס. עס איז אָבער אַלץ געבליבן אויפן פּאַפּיר.

אין באַד הארצבורג איז דאָ אַ גוט דערהאָלונג היים, אַ מושב זקנים און קינדער־דערהאָלונגס־היים.

איבערזעצט פון **א. פּאַלושאַק**

## רעדאַקציע נאָטיץ

די פאָרטזעצונג פון א. מ. פוקס דערציילונג אין קומענדיקן חודש. און אויך דאָס ליד פון אברהם פנחס ציקערט, עסיי: „תל־אביב" די יידישע ווונדער שטאט פון א. דינאבורג און דער באריכט איבער דר. אַלכסנדר ראזענפעלד. אין קומענדיקן נומער אויך דער אַרטיקעל: יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 1־שטן אָקטאבער — דער טראדיציאנעלער שבת תשובה פּראָגראם.

שבת, דעם 8 — צבי אָרנשטיין שמחת בית שאובה ניגונים.

שבת דעם 15־טן — טראדיציאָנעלע שמחת תורה פייערונג.

שבת, דעם 22־טן — שלמה אוירבאך — דער בראשית פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור.

שבת, דעם 29־טן — אליהו בחור צום 400 יאָריקן יובילעאום.



## פּראָטעסט בריוו

פון הרב יהושע שפּעטמאַן

צום היינטיקן יום כפור האָט דער מנהיג פון דער וועלט־אגודה, מורני ר' יעקב ראָזענהיים, אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו יידן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס עס איז געוואָרן 10 יאָר זינט דער אָנהויב פון דער מלחמה—אָנהויבנדיק: „...צען יאָר אַז די טייוולאָנים זיינען באַפאַלן די וועלט, א.אַז.וו.", און דערביי ניט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט ווער די טייוולאָנים זיינען: היטלער, נאַציס, דייטשלאַנד. פרעג איך, קען דאָס ערקלערט ווערן, פאַר וואָס האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיק אָנצורופן דעם עמלק מיט'ן נאָמען... ווען די תורה רעדט וועגן מחיית עמלק שטייט אַרויס דער נאָמען פון דעם צורר היהודים „זכור את אשר עשה לך עמלק". צי איז דאָס אין אָנקלאַנג מיט דעם תורה טרייען יידנטום וועלכע שטייען אונטער דעם פירער פון דער וועלט אגודה. איך רעכן אַז יעדער ייד וואָס פילט די ווייטאָק פון אונזער חורבן מוז הויך און דרייסט אָנרופן דעם עמלק מיטן נאָמען היטלער, נאַצי דייטשלאַנד, ימח שמם וזכרם, תמחה את זכר עמלק נאַצי היטלער, דייטשלאַנד מתחת השמים לא תשכח!

---

אַ צאתכם לשלום צו **בעקי** און **אברהם פּנחס**, די פרוי און זון פון חבר **איטשעלע וויינרייך** ע"ה, צו זייער אָפּפאָרן אין ישראל זיך דאָרטן צו באַזעצן — מיט מזל און מיט ברכה!

פריינט פון יידיש לשון.

---

עס איז שוין ערשינען דאָס בוך פון

**הערש שישלער „שמייכעל און געלעכטער"**

הומאָרעסקעס, סאַטירעס און שאַרזשען

200 זייטן, שיין אַרויסגעגעבן מיט קאַריקאַטורן.

אַ מתנה פאַר יעדע יידישע היים און געזעלשאַפט.

איילט זיך צו מיט דער באַשטעלונג. דער פּרייז איז 3 דאָלאַר אָדער 15 שילינג, פּאָסט פריי.

פאַר באַשטעלונגען צו ווענדן זיך צו:—

*H. SHISHLER*, P.O. Box 7690, Johannesburg, South Africa.

---

**א ניי בוך פון אסתר קרייטמאַן**

די באקאנטע שרייבערין אסתר קרייטמאַן, וועלכע האָט זיך אַ נאָמען געמאכט אין דער יידישער ליטעראטור מיט אירע צוויי ראָמאַנען „דער שדים טאַנץ" און „בריליאַנטן" האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך דערציילונגען „אַטלעס". דאָס בוך ענטהאלט 14 גרעסערע דערציילונגען. מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגענדן אַדרעס:

E. KREITMAN,
56 Lordship Park, London, N.16.

117

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 11 (העפט 118) צענטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

וועןאַ קעניג פון ירושלים וויינט
צו דער העברעאישער ראדיא שעה אויפן ב.ב.ס. .......... ** 1
פון דער יונגער העברעאישער ליריק (א. ברוידס, י. קרני, א. המאירי,
י. ליכטנבוים, א. שלאנסקי, איבערזעצט פון ש. שפּיוואַק.) ...... 3
תל־אביב די יידישע וואונדער שטאט
(צום 40־טן יובילעאום) .......... א. דינאַבורג 7
זיי האבן געטאנצט די „האָראַ“ (אַ פאַרצייכנונג) ........ לעאָ קעניג 11
טונקעלע טעג (דערציילונג) ..........א. מ. פוקס 14
נסתלק געוואָרן (באַלאַדיש) .......... א. נ. שטענצל 20
אויף יענעם זייט בארג (סצענע) .......... ס. פאַלמע 24
שטריכן צו אסתר קרייטמאַנס ליטעראַרישן פאָרטרעט
(רעצענזיע) .......... יוסף הלל לעווי 27
כתר שם טוב (ליד) .......... אברהם פנחס ציקערט 31
די קראפט פון גייסט (איבער ישעיהו שפיגעלס
„מלכות געטאָ“) .......... י. ראַפּאפּארט 32
אָן „טענצע“ און אָן „געזעגנגע“ (וועגן זיגמונט טורקאָווס
גאַסטראָלירן אין לאָנדאָן) .......... ש. י. דאָרפזאָן 36
מאיר צעלניקער אויף דער ענגלישער בינע .......... אלקושי 39
צייט־פראגן .......... מ. אלמאַן 39
אַ גל של עצמות (חסידישער פאלקלאר) ........ יחזקאל נח ערליכמאַן 40
צו די גליקליכע מענטשן ראזא און זיגמונט טורקאוו (בריוו) .. משה עובד 42
זיגמונט טורקאָוו'ן אַ ווידמונג (ליד) .......... ל. האכשטיין 42
יידיש טעאַטער אין לאנדאן (צום נייעם סעזאן) .......... ש. 43
די וויטערע שבת־נאָכמיטאגס .......... 48

## פרייז: 1 שילינג און 6 פענים

אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאר אַ יאָר

אין אויסלאנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאר אַ פּראָבע נומער

„אין חדר אריין“ -/5

„אין זכות פון די טעג“ 3/6

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

„די צייט“ געגרינדעט אין 1913 פון מאָררים מייער
די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאנד. (בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראפּע.)

ווירכטיק פאר אלע וואס פארשטייען יידיש
יידישע ראדיא-אוידיציעס אין ווארשע

זונטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק און שבת קענט איר הערן יידיש ראַדיאָ 22.10
אַ זייגער מיטל־איירּאָפּייאישע צייט פון דער ראַדיאָ־סטאַציע „וואַרשע 3“
אויף דער כוואַליע 48.25.

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.*1